לעילו נשמת: **אריה ישראל בן מרדכי** ת.נ.צ.ב.ה.

# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען געזאמלט
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

**פסח - תשפ"ה**

מכון
באר האמונה

לזכות רפואה שלמה מלכה בת רחל, מיכאל בן שולמית,
יעקב בן משה בן דבורה שירה, ואברהם יהודה בן שרה רבקה

PRINTED BY RAMAPOST.COM
RAMAPOST MARKETING | DESIGN | PRINT | MAIL
"ESSENTIALLY" ABOVE & BEYOND!

**FOR SPONSORSHIP OPPORTUNITIES:** MITZVOS@RAMAPOST.COM
**TO SUBSCRIBE:** RAMAPOST.COM/SUBSCRIBE-DIVREI-TORAH

בסייד

# SPONSOR A DVAR TORAH

## SPONSOR AN ENTIRE WEEK FOR $360

**Following Daas Torah, Ramapost is sharing the opporuntity to sponsor weekly Divrei Torah.**
The following publications are read by hundreds of people every Shabbos. Sponsor an individual Dvar Torah or the entire collection, in the zechus of a choleh, l'eiluy nishmas, or for someone in need. A small message can be put on the Dvar Torah of your choice which will be distributed across Monsey and online.




**CHOOSE A DVAR TORAH TO SPONSOR**
**CONTACT US WITH A PARSHA AND OPTIONAL MESSAGE**

| $180 | $126 | $100 (MONTHLY) | $100 (RESERVED) | $72 | $54 | $* |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **Ram HaTorah**<br>150 WEEKLY*<br>Compilation of Divrei Torah<br>(English & Hebrew) | **Meoros Hatzadikkim**<br>300 WEEKLY*<br>Dvar Torah & Weekly Yahrzeits<br>(English) | **Divrei Chizuk**<br>800 MONTHLY*<br>R' Gamliel Rabinowitz<br>(Hebrew) | **Torah Wellsprings**<br>200 WEEKLY*<br>R' Elimelech Biderman<br>(English / Yiddish) | **Sichat Hashavua Hitkashrut & Likutay Torah**<br>125 WEEKLY*<br>(Hebrew / English) | **Oneg Shabbos**<br>50 WEEKLY*<br>Compilation of Divrei Torah<br>(English) | **Areivim**<br>400 WEEKLY*<br>R' Shmuel Gluck<br>(English)<br>*CONTACT INFO@AREIVIM.COM |

*AMOUNT DISTRIBUTED

RAMAPOST ESTABLISHED 2009
MARKETING | DESIGN | PRINT | MAIL

info@ramapost.com | www.Ramapost.com
P: 845.369.9600 | F: 845.369.9601
382 Route 59 Suite 264, Airmont, NY 10952

# אינהאלט

## פרשת צו - שבה"ג


על מוקדה - די עבודה פון אַ איד איז כסדר צו פלאַקערן מיט התלהבות צום אייבערשטן........................................ב

משנכנס ניסן מרבין באמונה - די יעצטיגע טעג זענען מסוגל פאר אמונה..........ג

ישועות בו מקיפות - מיר זענען אין די טעג אַרום-גערינגלט מיט ישועות..........ז

שבת הגדול - די גרויסקייט און הייליגקייט פון די שבת..........................יא

ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה - די גאָר גרויסע עבודה פון פסח מאַכן.....יד

הכסיפו פניו - מבער זיין די סאָרט חמץ פון ווי טוען אַ חבר.......................טז

מצות תאכל במקום קדוש - כשר'ן און רייניגן די מויל..............................יח


## חג הפסח


סד"ר - די סוד צו איבערדרייען פון אח"ר צו אח"ד....................................כא

אחד אלקינו שבשמים ובארץ - די לימוד פון די הייליגע סדר נאַכט..............כב

והגדת לבנך - די אמונה גייט אַריבער דווקא פון אַ טאַטע צו אַ זוהן..............כד

מיכלא דמהימנותא - מיט אמונה ווערט אַלעס זיס......................................כו

כל דכפין ייתי ויכול - יעדע שטוב ווערט בקדושת ביהמ"ק, און יעדע איד ווערט בקדושת כהן גדול..................................................................כט

ונתנה תוקף קדושת הלילה - אין די נאַכט טוען אידן זיך דערהייבן צו גאָר הויכע מדריגות........................................................................לא

ונצעק אל ה' - די נאכט איז מסוגל צו געהאָלפן ווערן מיט אַלע ישועות..........לג

כי יאמרו אליכם בניכם - האלטן די השפעות אויף שפעטער............................מא


## שביעי של פסח


ויאמינו בה' - יעדע זאַך ווערט געפירט מיט זיין פינקטליכע השגחה פון אויבן......מב

ויושע ה' ביום ההוא - די טאָג איז שוין אָנגעגרייט פון פריעהר פאַר גרויסע ניסים......................................................................מד

נורא תהלת עשה פלא - די גרויסקייט און סגולות פון זאָגן די שירה בשמחה......מו

# צו - שבה"ג

**הוא העולה - די עבודה פון אַ איד איז כסדר צו פלאַקערן מיט התלהבות צום אייבערשטן**

**זאת** תורת העולה הוא העולה על מוקדה על המזבח... אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה (ו, ב-ו). דאָס זענען די דינים פון דעם קרבן עולה, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויפ'ן פייער, אויפ'ן מזבח... שטענדיג זאָל דער פייער ברענען אויפ'ן מזבח, עס זאָל קיינמאָהל נישט פאַרלאָשן ווערן.

**אין** דער ספר תורה, האָט דאָס וואָרט "מוקדה" אַ קליינעם אות מ"ם, קלענער ווי די אַנדערע אותיות, אָבער אין פסוק (דברים יח, יג) "תמים תהיה עם ה' אלקיך", איז דאָ אַ גרויסער תי"ו אין וואָרט "תמים".

**זאָגט** אויף דעם דער קאָצקער רבי זי"ע, אַז דאָ איז דער פסוק מרמז וועגן דעם "פייער" וואָס אַ איד דאַרף האָבן צו "פלאַקערן" און "קאָכן" פאַר'ן אויבערשטען. דאָס דאַרף אָבער זיין מיט אַביסל באַהאַלטענקייט, אויף אַ מער "קלענערנע פאַרנעם" אויבנאויף, אַז עס זאָל זיך אַרויסזעהן נאָר אַביסל פון זיין עבודת ה', אָבער ווען עס קומט צו אמונה, "תמים תהיה" וגו' (ווי רש"י טייטשט דאָרט, "התהלך עמו בתמימות" וכו'), דאַרף מען אַזוי פיל רעדן וועגן אמונה, ביז עס קומט אַרוים אינדרויסן. דער מענטש זאָל אויסרופן מיט אַ "גרויסע תי"ו" אַז "ה' הוא האלקים", דער אויבערשטער פיהרט די גאַנצע וועלט.

**פון** דער צווייטער זייט, דאַרף מען געדענקען (בפרט אין די איצטיגע דורות) אַז דורך זיין התלהבות מיט אַ הייליגן ברען וואָס קומט פון זיין אמונה אין דעם אויבערשטען, "פאַרברענט" דער מענטש אַלע שטערונגען און מניעות וואָס נעמען אידם אַרום, און אַזוי אויך אַלע נאַרישקייטן וואָס דער מענטש איז אַריינגעטוהן דערין, צוליב זיין אַרומלויפן אַזוי פיל נאָך די פרנסה אָדער אַנדערע ענינים, יעדער איינער אויף זיין אופן.

**אַזוי** שרייבט דער "שפת אמת" אין דער היינטיגער סדרה (תרל"ג, ד"ה "ברש"י"): "כי יש הבערה ושלהבת העולה מאליה בלב האדם, על ידי התעוררות נפשו", ווייל עס איז דאָ אַ פלאַקער און אַ פלאַם וואָס גייט אַרויף פון זיך אַליין אין האַרץ פונעם מענטש, דורך די התעוררות פון זיין נפש. "בראותו גודל חסדי השם יתברך, שעושה עם כל איש ישראל בכל רגע ורגע בכל הענינים", ווען ער זעהט די גרויסע חסדים פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, וואָס ער טוט מיט יעדן איד, יעדע איינצלנעם סעקונדע, אין אַלע ענינים... "ועל ידי התעוררות אהבה

אמיתית, נשרף כל מחשבות והבלים", און דורך די אמת'ע התעוררות פון אהבה, ווערן פאַרברענט אַלע נאַרישע מחשבות און וואָס דער מענטש טראַכט. "כי באמת, עצה היעוצה לדחות מחשבות רעות הוא רק זה, להיות התלהבות תמיד בחשק ורצון לעבודתו יתברך", ווייל באמת איז די בעסטע עצה וואָס מ'קען געבן פאַר'ן מענטשן, אָפּצוואַרפן די שלעכטע מחשבות, איז נאָר דאָס, אַז דאָס התלהבות זאָל שטענדיג זיין מיט חשק און גלוסטונג צו עבודת ה'. "ממילא נתבטלו כל ההבלים", וועלן דאַן ממילא בטל ווערן אַלע נאַרישקייטן. "וזה עבודת האדם תמיד כל היום והלילה", און דאָס איז די עבודה פון אַ איד שטענדיג, אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, עכ"ל[א].

**משנכנס ניסן מרבין באמונה - די יעצטיגע טעג זענען מסוגל פאר אמונה**

ווען מיר גייען אַריין אין דעם הייליגן חודש ניסן, דאַרף מען געדענקען וואָס עס האָט געזאָגט דער באָיאַן-טשערנאָוויצער רבי, הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע ("תפארת מנחם", ר"ח ניסן, תרצ"ה) אַז פונקט ווי די חז"ל זאָגן (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה", אַזוי אויך, "משנכנס ניסן, מרבין באמונה", ווען עס קומט אַריין דער חודש ניסן, פאַרמערט מען די אמונה אין הייליגן באַשעפער[ב].

---

**א.** מ'קען מסביר זיין דאָס ענין מיט אַ משל: אַ קעניג האָט געוואָלט אויפבויען זיין קעניגליכן פאַלאַץ אינמיטן אַ געדעכטן וואַלד. ער האָט פאַר דעם צוועק געדינגען אַרבעטער, וואָס זאָלן שניידן די ביימער פון וואַלד.

איינמאָהל איז דאָרט אַדורכגעגאַנגען אַ קלוגער מענטש, און זעהענדיג ווי שווער די מענטשן אַרבעטן צו האַקן די ביימער פונעם גרויסן וואַלד, איז ער געגאַנגען צום קעניג, און איהם געזאָגט:

- אדוני המלך, אַפי' אויב דיינע קנעכט וועלן שניידן די ביימער פון וואַלד טאָג און נאַכט, וועט די צייט אַדורכגיין, אָבער זיי וועלן נישט באַוויזן צו שניידן אַלע ביימער. פאָלג דעריבער מיין עצה, צינד אָהן אַ פייער אין וואַלד, אַזוי אַז ביז עטליכע שעה וועט דער גאַנצער וואַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסע ליידיגע חורבה, און דו וועסט האָבן אַ ליידיגן שטח צו קענען בויען דאָרט דיין פּאַלאַץ.

דער נמשל: ווען דער מענטש אַרבעט מתקן צו זיין אַ מידה, קען אַמאָהל זיין אַז "יכלה הזמן והם לא יכלו", ס'איז צו-שווער צו פאַררעכטן אַפילו איין מדה. די עצה איז, ער זאָל אָנצינדן אין זיין האַרץ אַ פלאַקער פאַר תורה און עבודת ה', און ממילא וועלן אַלע שטותים "פאַרברענט ווערן", ברוחניות ובגשמיות.

**ב.** דער נצי"ב שרייבט ("העמק דבר", שמות יג, ד) אויפ'ן פסוק "היום אתם יוצאים בחודש האביב", אַז אין חודש ניסן, דאַרף מען נישט טוהן אַ סאַך פעולות

**דער** טעם דערפון איז, ווייל די חז"ל זאָגן (ר"ה יא.) "בניסן נגאלו, ובניסן עתידין ליגאל", אין חודש ניסן, זענען די אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות אין מצרים, און אין חודש ניסן, וועלן די אידן אויסגעלייזט ווערן פון איצטיגן גלות במהרה.

**דער** טעם פאַרוואָס "בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל", שטייט אין ילקוט (ילקו"ש, ח"ב, רמז תקי"ט) ווייל די אידן זענען דאַן אויסגעלייזט געוואָרן אין זכות פון זייער אמונה, און אַזוי וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן לעתיד, אין זכות פון אמונה, ווי דער פסוק זאָגט (מיכה ז, טו) "כימי צאתכם מארץ מצרים אראנו נפלאות". קומט אויס אַז די צייט פון חודש ניסן, איז מוכשר דערפאַר.

**דער** איד וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, זעהט דעם יד ה' יעדע מינוט פון טאָג, און עס איז איהם לעכטיג אין יעדן זמן, און אין יעדן מצב[ג],

---

איינצוואָרצלען אין האַרץ די אמונה, נאָר "די בהכנה מועטת", עס איז גענוג אַ קליינע הכנה דערפאַר.

לויט דעם זאָגט ער אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק רופט דאָ אָהן חודש ניסן, מיט'ן נאָמען "חודש האביב" (פרילינג), ווייל פונקט אַזוי ווי די צייט איז מסוגל איינצוזייען די תבואה, פיל מער ווי אין אַנדערע חדשים, אַזוי אויך ווערט די אמונה אויפגעכאַפּט אין האַרץ פון אַ איד, אין חודש ניסן, מער ווי אַ גאַנץ יאָהר.

הגאון רבי שמעון שוואָב זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָהל געווען אויף אַ שבת ביים "חפץ חיים" זי"ע. פרייטאָג צו נאַכטס, האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט צום עולם:

- אַוודאי זאָגן מיר אַ גאַנץ יאָהר, יעדן טאָג, 'אחכה לו בכל יום שיבא', אָבער אין חודש ניסן, דאַרף יעדער איינער וויסן, אַז יעדער טאָג איז אַ 'ספק השקול', ווייל משיח דאַרף קומען אין חודש ניסן. מ'וועט האַלטן אינמיטן די טירדות און הכנות לכבוד יום טוב, און פלוצלינג וועט מען הערן, "ער איז דאָ!". ליידער, ליידער מאַכט עס דער יצר הרע פאַר אַ "ספק הרחוק", אָבער מ'דאַרף וויסן און געדענקען אַז עס איז אַ "ספק השקול".

דער ראב"ן ברענגט, אַז אין דער סדר-נאַכט האָט מען נישט פאַרמאַכט די טיר, ווייל עס איז געווען מקובל פון אַלע דורות, אַז משיח וועט קומען אין דער נאכט פון פסח אויסצולייזן די אידן פון גלות. ממילא, אויב ער וועט קומען, זאָל מען קענען גלייך אַרויסגיין, מ'זאָל אַפילו נישט דאַרפן עפענען די טיר...

**ג.** דער חיד"א ברענגט אַ טעם פאַרוואָס אין דער סדר נאַכט פון פסח, לייגט מען צו אַ פינפטע כוס, וואָס ווערט גערופן "כוס של אליהו", צו די פיר כוסות, אָבער

מען טרינקט נישט פון דעם פינפטן כוס. שרייבט דער חיד"א, די אידן זענען דאָך געווען אין מצרים 430 יאָהר - דאָס איז פינף מאָהל די צאָהל פון וואָרט "כוס" (86).

זאָגט דער חיד"א, די חז"ל זאָגן (סדר עולם רבה, פ"ג) אַז כאָטש די גזירה פון גלות מצרים איז געווען אויף 430 יאָהר, אָבער בפועל, איז שעבוד מצרים געווען נאָר די לעצטע 86 יאָהר, און עס האָט זיך אָנגעהויבן ווען מרים איז געבוירן געוואָרן. קומט אויס, אַז אויף די יאָהרן וואָס זענען אַנטקעגן די ערשטע פיר כוסות, איז נישט געווען קיין שעבוד, נאָר די לעצטע 86 יאָהר.

זאָגט דער חיד"א, רבינו נסים גאון ברענגט אַ מעשה (ספר המעשיות לרבינו נסים גאון, מובא בספר "ילקוט סיפורים", ווארשע תרנ"ט, פ' וירא), אַז רבי יהושע בן לוי האָט געפאַסט, אַז ער זאָל זעהן אליהו הנביא. זיין תפילה איז אָהנגענומען געוואָרן אין הימל, און אליהו האָט זיך באַוויזן צו איהם פנים בפנים. ווען אליהו האָט איהם געפרעגט וואָס ער וויל, האָט רבי יהושע בן לוי געענטפערט אַז ער וויל איהם באַגלייטן וואו ער גייט. האָט אליהו מסכים געווען מיט איין תנאי: ער טאָר איהם גאָרנישט פרעגן, אויך אויב ער וועט זעהן ביי איהם פאַרשידענע מאָדנע אויפפיהרונגען. "אויב דו וועסט מיך פרעגן אַפילו נאָר איין מאָהל, וועלן מיר זיך דאַרפן שיידן", האָט אליהו הנביא געזאָגט צו רבי יהושע בן לוי. רבי יהושע בן לוי האָט איהם טאַקע צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהם נישט פרעגן קשיות.

אויפ'ן וועג, זענען זיי אָנגעקומען אין אַן אכסניא, ביי אַן אָרים פּאָרפאָלק וואָס האָבן פאַרמאָגט נאָר איין קוה, אָבער מ'האָט זיי זעהר שיין אויפגענומען, געגעבן צו עסן און צו טרינקען. צומאָרגענס זעהט רבי יהושע בן לוי, ווי אליהו הנביא איז מתפלל אַז די קוה פונעם בעל אכסניא, זאָל שטאַרבן. האָט רבי יהושע בן לוי זיך זייער געוואונדערט, אַז נאָך אַזאַ הכנסת אורחים, האָט אליהו געבעטן רחמים אַז די קוה זאָל שטאַרבן? עס זעהט דאָך אויס ווי ער איז חלילה אַ "משלם רעה תחת טובה"? רבי יהושע בן לוי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט געפרעגט אליהו הנביא פאַרוואָס ער האָט געבעהטן אַז די קוה זאָל שטאַרבן. האָט אליהו איהם געענטפערט, "צו דען האָב איך נישט אויסגענומען אַ תנאי מיט דיר, אַז דו טאָרסט נישט פרעגן קשיות?".

צומאָרגנס, זענען זיי איינגעשטאַנען ביי אַ קאַרגן גביר, וועלכער האָט זיי גאָרנישט מכבד געווען. ער האָט זיי קוים אַריינגעלאָזט אין הויז, און זיי האָבן דאָרט איבערגענעכטיגט, אָהן צו באַקומען צו עסן און טרינקען. יענעם טאָג איז איינגעפאַלן אַ וואַנט אין הויז פונעם גביר, און אינדערפרי האָט רבי יהושע בן לוי באַמערקט ווי אליהו הנביא איז מתפלל צום אויבערשטען אַז די געפאַלענע וואַנט זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן פון זיך אַליין, און דאָ איז רבי יהושע בן לוי'ס פאַרוואונדערונג

נאָך שטאַרקער געוואָרן, אָבער ער האָט דאָך צוגעזאָגט אַז ער וועט נישט פרעגן קשיות...

דערנאָך זענען זיי ווייטער געקומען אין אַ בית המדרש, וואו די מענטשן האָבן זיי זייער נישט שיין אויפגענומען. ביים אַרויסגיין, האָט אליהו הנביא געוואונשן אַז אַלע מענטשן פון יענעם בית המדרש זאָלן ווערן ״ראשים״, מנהיגים. אַ טאָג שפּעטער, זענען זיי אָנגעקומען צו אַ קהילה וואו מ׳האָט זיי זייער שיין אויפגענומען, און דאָרט האָט אליהו געוואונשן, זיי זאָלן האָבן איין מנהיג...

דאָ האָט רבי יהושע בן לוי זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, און געזאָגט צו אליהו הנביא, אַז ער איז גרייט איהם צו פאַרלאָזן (ווי זיי האָבן זיך אויסגענומען, אַז אויב רבי יהושע בן לוי וועט פרעגן קשיות, וועט ער נישט קענען ווייטער גיין מיט איהם), אָבער ער זאָל איהם אויפקלערן וואָס דאָ קומט פאָר.

האָט אליהו הנביא געענטפערט רבי יהושע בן לוי:

- אין די ערשטע אכסניא, וואו דאָס אָרימע פּאָרפאָלק האָט אונז אַזוי שיין אויפגענומען, האָב איך געבעטן אַז די קוה זאָל שטאַרבן, ווייל איך האָב געוואוסט אַז עס איז נגזר געוואָרן אַז די פרוי, די עקרת הבית, דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט רח״ל, און וויבאַלד איך האָב זיי געוואָלט גוטס טוהן פאַר דעם חסד וואָס זיי האָבן מיט אונז געטוהן, האָב איך געבעהטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אַוועקנעמען זייער קוה, אַלס אַ ״פדיון נפש״ אנשטאט די בעל הבית׳טע. ביים רייכן מאַן וואָס האָט אונז נישט אויפגענומען מיט׳ן געהעריגן כבוד, האָב איך געזעהן אַז עס ליגט באַהאַלטן אַ גרויסער אוצר אונטער די איינגעפאַלענע וואַנט, און אויב ער וועט אַליין בויען די וואַנט, וועט ער אַנטפּלעקן דעם אוצר און ער וועט ווערן נאָך רייכער... דערפאַר האָב איך מתפלל געווען אַז די וואַנט זאָל נישט איינפאַלן, און אַזוי וועט דער רייכער מאַן קיינמאָהל נישט געפונען דאָס געלט.

- ווען מיר זענען געווען אין דעם שטעטל וואו מ׳האָט אונז נישט שיין אויפגענומען, האָב איך זיי אָנגעוואונשן אַז יעדער איינער פון זיי זאָל ווערן אַ הויפּט, ווייל דאָרט וואו עס זענען דאָ אַ סאַך פיהרער, איז דאָך ״איש את רעהו חיים בלעו״ – יעדער פּראָבירט צו איינשלינגען זיין חבר, דעריבער קריגט מען זיך כסדר. און ממש צוליב דעם זעלבן טעם, האָב איך אָנגעוואונשן פאַר די מענטשן פון דער שטאָט וואָס האָבן אונז געהעריג שיין מכבד געווען, אַז זיי זאָלן האָבן נאָר איין ראש און מנהיג, ווייל דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו לעבן באהבה ואחוה ושלום וריעות.

פון די מעשה, לערנט דער חיד״א אַ מוסר השכל, אַז דער מענטש טאָר נישט מעסטן די ״טובה״ לויט ווי עס זעהט איהם אויס מיט זיינע פליישיגע אויגן, נאָר ער דאַרף אַלעס נאָכקוקן מיט אַן אויג פון אמונה, ווייל אַ סאַך מאָהל זעהט עס אויס

און אויך ווען עס איז איהם טונקעל, און עס בושעווען שרעקעדיגע ווינטן אינדרויסען, איז ער בשמחה און ער פרייט זיך, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז פון הימל, און דאָס "פינצטערניש" איז נישט מער ווי אַ "צודעק" וואָס דעקט צו די לעכטיגקייט וואָס איז באַהאַלטן דערין[ד].

ישועות בו מקיפות - מיר זענען אין די טעג אַרום-גערינגלט מיט ישועות

עס שטייט אין ספה"ק "מגיד מישרים" (פ' אמור) אַז דער מלאך האָט געזאָגט צום "בית יוסף" ז"ל, "והנה עתך עת דודים" (יחזקאל טז, ח), דאָס מיינט מען די הייליגע טעג פון חודש ניסן.

---

פאַר'ן מענטש אַז עס האָט מיט איהם פאַסירט אַן "אומגליק" ח"ו, ווי דאָס וואָס די איינציגע קוה וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז איהם אָפּגעשטאָרבן, און ער וויינט און קרעכצט, נישט פאַרשטייענדיג פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געטוהן, ווען למעשה האָט דאָס בלויז געראַטעוועט דאָס לעבן פון איינעם פון זיינע בני בית.

לויט דעם זאָגט דער חיד"א, די ערשטע פיר כוסות זענען "זכר לחרות", ווייל דעמאָלטס איז נאָך נישט געווען קיין שעבוד, און מ'טרינקט די פיר כוסות צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר דעם וואָס מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די ערשטע פיהר מאָהל 86 יאָהר שעבוד אין מצרים. אָבער דער פינפטער כוס, וואָס איז מרמז אויף די לעצטע 86 יאָהר וואָס אידן האָבן געליטן פון קושי השעבוד אין מצרים, איז "כוס של אליהו", ווعלכן מען טרינקט נישט, מרמז צו זיין אַז מען פאַרשטייט נישט די טיפקייט פון די טובה וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדע זאַך, און דערפאַר ווערט עס גערופן "כוס של אליהו", ווייל אליהו האָט דאָס געלערנט מיט רבי יהושע בן לוי, אַז מ'דאַרף פאַרשטיין אַז דער אמת איז נישט ווי עס זעהט אויס פאַר די פליישיגע אויגן פונעם מענטש, נאָר די שוועריגקייטן און יסורים וואָס מ'מאַכט מיט אויף דער וועלט, זענען גאָר מצמיח אַ דאָפּעלטע ישועה מן השמים.

**ד.** דאָס קענען מיר אויך לערנען פון דעם ענין פון "יחץ", וואָס מ'צוברעכט די מיטלסטע מצה ביים סדר, און דעם גרעסערן חלק באַהאַלט מען פאַר'ן אפיקומן.

קען דאָך די גרעסערע העלפט מצה וואָס מ'באַהאַלט, האָבן טענות, "מה נשתנה?", פאַרוואָס בין איך אַנדערש, אַז איך בין נישט זוכה זיך צו געפינען ביים "סדר" טיש אַזוי ווי מיינע פריינט, די אַנדערע מצות, וואָס זענען יאָ זוכה צו זיין ביים סדר-טיש?...

דער אמת איז אָבער, אַז צום סוף ווערט נתברר, אַז די האַלבע מצה וואָס מ'האָט באַהאַלטן, האט גאָר די מערסטע חשיבות פון אַלע מצות... דאָס וואָס מ'האָט עס אַראָפּגענומען פון טיש, איז געווען טאַקע צוליב איר חשיבות, וואָס מ'האָט איר באַהאַלטן פאַר'ן אַפיקומן... און נישט נאָר דאָס, נאָר דער וואָס האַלט עס, באַקומט גאָר מתנות דערפאַר...

דאָס זעלבע, ווען עס דאַכט זיך אויס פאַר'ן מענטש אַז זיין חלק איז קלענער ווי זיין חבר'ס חלק, דאַרף ער נאָר האָבן אַביסל געדולד, און צום סוף וועט ער זוכה זיין צו אַ גרויסע שפע פון הימל.

נאָך אַ זאַך לערנען מיר אין דער סדר נאַכט פון פסח: ווען דער אַפיקומן ווערט "גע'גנב'עט", ווייַנט נישט דער "באַ'גנב'עטער", אַזוי ווי יעדער מענטש וואָס ווערט באַ'גנב'עט... ווייל ער ווייסט אַז אַזוי איז דער סדר אין דער היינטיגער נאַכט, און אַז נישט "יענער" האָט מיך באַ'גנב'עט,... אויך איז ער רואיג, ווייל ער ווייסט זיכער אַז ביז אַ קורצע צייט ווען מען איהם צוריק געבן די "גניבה", און מ'וועט נאָך באַקומען דערפאַר שיינע מתנות.

דאָס איז אַ לימוד אין הלכות אמונה אויפ'ן גאַנצן יאָהר, ביי אַלע סאָרטן "גניבות" און אַנדערע שאָדנס וואָס דער מענטש ליידט, אָבער אויב ער איז זיך מתבונן דערין, און ער וואָרצלט איין אין האַרץ די אמת'ע אמונה, ווייסט ער אַז ער האָט נישט וואָס צו וויינען, ווייל אַלעס איז דאָך מן השמים, און דער אויבערשטער וועט איהם נאָך באַצאָלן פיהל מער, און ער וועט באַקומען אַ גרויסן שכר, פאַר דעם וואָס ער האָט מקבל געווען דעם דין שמים באהבה.

מ'האָט אַמאָהל געפרעגט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת חידושי הרי"ם אין תל אביב, ווי אַזוי ער איז געווען בכח איבערצולעבן אַלע שווערע צרות פון די ביטערע מלחמה, בפרט ווען ער האָט פאַרלוירן זיין איינציגע טאָכטער, וועלכע איז אומגעקומען דורך די פאַרשאָלטענע דייטשן ימ"ש.

בשעת ווען מ'האָט געשטעלט פאַר רבי גדל'ען די פראַגע, איז געלעגן אויפ'ן טיש אַ פלעשל. האָט רבי גד'ל אַראָפּגענומען דעם דעקל פונעם פלעשל, און עס באַהאַלטן צווישן זיינע פינגער. דערנאָך האָט ער געפרעגט אַ יונגערמאַן, "וואו געפינט זיך דער דעקל פון דאָזיגן פלעשל?". האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, "דער דעקל איז דאָך באַהאַלטן אונטער דיינע פינגער...". האָט רבי גד'ל ווייטער געפרעגט:

- אויב אַ מענטש וועט אַריינקומען פון דער גאַס, און ער וועט זוכן דעם דעקל פונעם פלעשל, וועט ער עס געפינען?

האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, אַוודאי וועט יענער נישט געפינען דעם דעקל. האָט רבי גד'ל געפרעגט: "און אויב יענער וועט הערן אַז די דעקל געפינט זיך צווישן מיינע פינגער, וועט ער עס ווייטער זוכן?". האָט דער יונגערמאַן ווידער געענטפערט, אַז נישט, ווייל אויב ער ווייסט אַז די דעקל איז באַהאַלטן צווישן די פינגער, האָט ער דאָך נישט וואָס צו זוכן, ווייל ער האָט איהם דאָך שוין געטראָפן. האָט רבי גד'ל געזאָגט:

- דאָס זעלבע איז מיט מיר. איך האָב געקענט איבערלעבן די שווערע מלחמה יאָהרן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אויך אין דער גרעסטער הסתרה, באַהאַלט זיך

דער באַשעפער: "אכן אתה א-ל מסתתר", דער אויבערשטער געפינט זיך מיט מיר, און ער היט מיך. ווען איך ווייס אַז דער אויבערשטער געפינט זיך ממש לעבן מיר, וואָס פאַר אַ צוועק האָט צו פרעגן קשיות? דער אויבערשטער איז דאָך דאָ מיט מיר!...

דער באַקאַנטער ליובאַוויטשער חסיד רבי מענדל פוטערפאַס ז"ל, האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געווען פאַרשיקט אין דער ווייטער סיביר, איז דער לאַגער וואו ער האָט געאַרבעט - זעלבסט-פאַרשטענדליך - געווען באַוואַכט מיט סאָלדאַטן, פאָליציאַנטן און ריזיגע פאָרכטיגע הינט. אַמאָהל איז צוגעקומען צו איהם איינער פון די אידישע אַרעסטאַנטן און געבעהטן ביי איהם אַ ברכה, היות ער גייט היינט "מאַכן די זאַך...". אויף די פראַגע פון רבי מענדל, וואָס ער גייט טוהן, האָט יענער געענטפערט, אַז ער גייט אַנטלויפן פון דאָ... פרעגט איהם רבי מענדל, "ווי אַזוי וועסטו קענען אַנטלויפן פון דאָ?". האָט יענער געענטפערט, אַז ער האָט אויסגעגראָבן אַ לאָך אין די וואַנט... יעדן טאָג, אין צייט פון די "חילופי משמורות", ווען די וועכטער זענען געווען פאַרנומען מיט זייער טויש, האט ער געגראָבן אַ קליין לעכל אין דער וואַנט, און ער האָט עס פאַרדעקט מיט אַ ברעטל, אַז מ'זאָל עס נישט באַמערקן. אַזוי האָט ער געאַרבעט אַ לאַנגע צייט, און היינט איז ער שוין "גרייט" צו אַנטלויפן, טאַקע 7:30 אָוועַנט, אין די האַלבע מינוט ווען עס טוישן זיך די וועכטער... ער דאַרף נאָר אַ ברכה פון רבי מענדל'ען אָז ער זאָל מצליח זיין...

אַלזאָ, רבי מענדל האָט אויפגעפאַסט די צייט 7:30 ביינאַכט, ווען די וואַך האָט זיך געטוישט, און געזעהן ווי יענער האָט טאַקע אַוועקגערוקט דעם ברעט אין אַ זייט, און איז אַנטלאָפן פון לאַגער דורכ'ן לעכל... אין יענע מינוט, זענען צוויי הינט נאָכגעלאָפן דעם איד, אָבער ער האָט זיך "באַוואָרענט" אויך קעגן די ווילדע הינט... ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע צוויי שטיקלעך פלייש, און געוואָרפן פאַר די צוויי הינט, און ער איז אַנטלאָפן...

דערנאָך האָט רבי מענדל געזעהן אַז דער פאָליציאַנט האָט עס באַמערקט, און ווערנדיג אויפגערעגט אויף די הינט, האָט ער זיי דערשאָסן צום טויט... האָט רבי מענדל אַמאָהל אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען דער פאָליציאַנט איז געווען אין אַ "גוטע מינוט", און ער האָט איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט גע'הרג'עט די הינט?... האָט דער פאָליציאַנט איהם געענטפערט:

- די רעגירונג, גיט אויס מיליאָנען רובל אויפצוציהען די הינט, בלויז פאַר דעם צוועק אַז זיי זאָלן זיין געשולט און געלערנט, אַז ווען עס פאַסירט אַזאַ זאַך, אַז איינער אַנטלויפט פון אַ לאַגער, זאָלן זיי איהם תיכף צעפליקן אויף שטיקער! אָבער אויב ווען עס קומט אַזאַ מינוט, לאָזט דער הונט אַלעס אָפּ און וואַרפט זיך אַרויף אויפ'ן שטיקל פלייש... האָט דאָך דער הונט נישט קיין שום ווערד אויף דער וועלט!

**מיר** זאָגן אין די יוצרות (לפרשת החודש) "החודש אשר ישועות בו מקיפות". זאָגן די ספרים (עי' "ארץ צבי" להגאון מקאזיגלוב זצ"ל הי"ד, פסח, עמוד סג), "מקיפות" איז פון לשון אַרומרינגלען, ווי מ'רינגלט אַרום אַ זאַך. דער פייטן מיינט צו זאָגן, אַז אויך דער וועג וואָס "נעמט אַרום" די ישועה אויף וועלכע מיר וואַרטן און האָפען אַזוי, (צום ביישפיל, עס זענען דאָ מענטשן וואָס דאַרפן ליידער וואַרטן אַ לאַנגע צייט ביז זיי ווערן געהאָלפן מיט קינדער, און טייל מענטשן פּלאָגן זיך שווער און ביטער פאַר זייער פרנסה, אָדער שוועריגקייטן ביז מ'דערלעבט צו זעהן נחת פון די קינדער) זאָל אָהנקומען לייכט און בשלום. דער איצטיגער חודש, "ישועות בו מקיפות", די אַלע "מקיפין" ווערן אויך "געהאָלפן", און קומען אָהן צו זייער תכלית.

**דער** "שם משמואל" (ויקרא תרע"א, בסופו) זאָגט, אַז די צעהן טעג פון ראש חודש ניסן ביז "בעשור לחודש", זענען ממש ווי די עשרת ימי תשובה. "יש להבין, למה הקדים הכתוב לאמור להם מצות הפסח בראש חודש, מאחר שמקחו בעשור", מ'דאַרף פאַרשטיין פאַרוואָס האָט די תורה שוין געזאָגט די מצוה פון קרבן פסח אין ראש חודש, מ'האָט דאָך געדאַרפט קויפן דאָס לעמעלע ערשט אין צעהנטן טאָג פון חודש ניסן? אין מכילתא שטייט אַפילו, אַז "מקחו דוקא בעשור", מ'האָט געדאַרפט קויפן דאָס לעמעלע דווקא אין צעהנטן טאָג, און נישט פריהער, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער שוין געגעבן די מצוה פון קרבן פסח, און פון קויפן דאָס לעמעלע, אין דעם טאג פון ראש חודש ניסן?

**ענטפערט** דער "שם משמואל", "דעשרה ימים אלו הם כנגד עשרת ימי תשובה", די צעהן טעג פון ראש חודש ניסן ביז י' ניסן, זענען אַנטקעגן די עשרת ימי תשובה, ווייל דער פּסוק זאָגט (שמות יב, כא) "משכו וקחו לכם צאן" וגו', און די חז"ל דרש'ענען (מובא ברש"י שם פסוק ו') "משכו ידיכם מעבודה זרה", איר זאָלט זיך צוריקציהען פון די עבודה זרה. אין כלל פון "עבודה זרה", זענען אַלע רצונות וואָס אַ מענטש האָט, וואָס זענען נישט פאַר'ן אויבערשטען...

---

פון די דאָזיגע מעשה האָט רבי מענדל זיך אַראָפּגעלערנט אַ מוסר השכל, און ער פלעגט עס באַטאָנען ביים איבערדערציילן די מעשה: דער רבונו של עולם האָט געגנוג מלאכים אויבן אין הימל, נאָר ער שיקט אַראָפּ דעם מענטש אויף דער וועלט, כדי אַז ווען עס וועט איהם אונטערקומען אַ נסיון, זאָל ער זיך "געבן אַ שטויס" פאָראויס, און ביישטיין דעם נסיון, אָבער אויב דער מענטש פאַלט אַריין "אינעם שטיקל פלייש" ח"ו, איז וואָס איז זיין תכלית אויף דער וועלט? ער פלעגט צולייגן די ווערטער: "הונט וואָס דו ביסט... וואָס טויגסטו אויף דער וועלט?...".

**דאָס** איז געווען די עבודה פון אידישע קינדער אין די צעהן טעג, און דאָס איז איבערגעבליבן אין אַלע דורות, "ולפי טהרת הלב ויחוד המעשים שבימים אלו", און לויט די ריינקייט פון האַרץ און יחוד המעשים וואָס דער מענטש האָט אין די צעהן טעג, איז ער דערנאָך זוכה צו אַ געטליכע און דערהויבענע הארה אין די טעג פון יום טוב פסח הבעל"ט.

**דער** חידושי הרי"ם זי"ע זאָגט (ס' "ליקוטי הרי"ם", ניסן) אַז דער נאָמען פון די חודש איז העכער פון די טבע ("ניסן" פון לשון ניסים), און אַוודאי פועל'ט מען אַז יעדער איינער זאָל זיך קענען אַרויסציהען פון דעם וואָס ער "טרינקט" זיך אין טבע.

### שבת הגדול - די גרויסקייט און הייליגקייט פון די שבת

**דער** שבת פאַר פסח, ווערט אָנגערופן "שבת הגדול", צוליב דעם גרויסן נס וואָס האָט פאַסירט מיט אידישע קינדער אין דעם טאָג, ווי עס שטייט אין "סדר עולם" (פ"ה) אַז דער פופצענטער טאָג פון חודש ניסן, דער טאָג ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז געווען דאָנערשטאָג. קומט אויס אַז דער צעהנטער טאָג פון חודש, ווען זיי האָבן גענומען אַ "שה לבית", איז געווען שבת, און עס האָט פאַסירט אַ נס מיט די אידן, ווי דער טור (או"ח סי' ת"ל) ברענגט אין נאָמען פון מדרש, אַז די אידן האָבן געקויפט לעמעלעך, און האָבן זיי צוגעבונדן צו די פיס פון זייערע בעטן, און די מצריים האָבן זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי טוהען אַזוי, און זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי נעמען דאָס לעמעלע כדי צו שחט'ן עס פאַר אַ קרבן פסח, ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן טוהן. די מצריים האָבן "געקראַכט" פון דעם וואָס די אידן גייען שחט'ן זייער אָפּגאָט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט זאָגן, און צוליב דעם נס, ווערט דער שבת אָנגערופן "שבת הגדול" (ועי' תוס' שבת פז: ד"ה "ואותו")ה.

**די** מפרשים פרעגן, פאַרוואָס ווערט דער נס גערעכנט צום שבת'דיגן טאָג, און נישט צום צעהנטן טאָג פון חודש ניסן, ווען עס האָט פאַסירט דער נס, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ימים טובים, וואָס זענען

---

**ה.** אגב, די וועלט זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער שבת ווערט אָהנגערופן "שבת הגדול", ווייל עס איז דער שטייגער פון דער וועלט, אַז שבת הגדול עסט מען די סעודות אויף אַן אַנדער אָרט ווי אַ גאַנץ יאָהר, ווייל מ'האָט שוין צוגעגרייט דאָס אָרט לכבוד פסח, און מ'האָט אויסגערוימט פון דאָרט דעם גאַנצן חמץ. קומט אויס, אַז דער שבת איז מוותר פון זיין חלק פאַר'ן יום טוב פסח, און ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער "גדול" ווי דער וואָס איז מוותר פון זיין חלק פאַר זיין חבר'ס וועגן, און דאָס אַליין איז די בעסטע הכנה צום יום טוב פסח.

באַשטימט געוואָרן אינעם טאָג פון חודש ווען דער נס האָט פּאַסירט, און נישט אין דעם טאָג פון דער וואָך?

**ענטפערט** דער אַפּטער רב זי"ע ("אוהב ישראל", ליקוטי נ"ך, השמטה לשבת הגדול), אַז דאָס וואָס די אידן האָבן מקיים געווען אין צעהנטן טאָג פון חודש, "משכו ידיכם מעבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה", און זיי האָבן זיך מדבק געווען אין דעם בורא כל עולמים, איז דאָס געווען מיט'ן כח פון שבת'דיגן טאָג, וואָס ווערט אָהנגערופן "יומא דנשמתא" (עי' זוה"ק ח"ב רה.). צוליב דעם איז באַשטימט געוואָרן לדורות די גאולה אין שבת'דיגן טאָג, ווייל שבת איז דער "יומא דנשמתא", ווען יעדער איד גייט אַרויס פון זיין גלות הנפש.

**דער** "לבוש" (סי' תל, ס"א) זאָגט, אַז דער שבת ווערט אָהנגערופן "שבת הגדול", ווייל עס איז אַ הקדמה צו די גאולה, וואָס דער פּסוק זאָגט (מלאכי ג, כג) "הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם".

**דער** "חידושי הרי"ם" זי"ע (מובא בס' "שיח שרפי קודש", ג, קצו) זאָגט, אַז דער שבת איז ווי יום כיפור, און ער דרש'ענט עס אַזוי ווי אַ "גזירה שוה": "עשור הזה הוא כמו עשור דיום הכיפורים, שהוא מטהר ומעמיד בחזרה ביושר", דער צעהנטער טאָג (פון חודש ניסן) איז אַזוי ווי דער צעהנטער טאָג (פון חודש תשרי) וואָס איז יום כיפור, וואָס איז מטהר דעם מענטש און שטעלט איהם צוריק אַוועק גראָד (פאַר דעם אויבערשטען), און פּונקט ווי יום כיפור ווערט אָהנגערופן "יומא רבה", אַזוי אויך ווערט דער שבת אָהנגערופן "שבת הגדול", ווייל עס רייניגט און הייליגט די נשמה פון יעדן איד, און וואַשט עס אָפּ פון יעדן פּגם.

**דער** אַפּטער רב זי"ע, אין "אוהב ישראל", רעדט אַרום די קדושה פון שבת הגדול, און ער ברענגט אַז עס שטייט דאָך אין זוהר הקדוש (ח"ב סג:) "מיניה מתברכין כל שיתא יומין", פון דעם טאָג פון שבת, ווערן געבענטשט אַלע זעקס טעג פון דער וואָך. "פירוש, שכל ימות השבוע יונקים מקדושת השבת שלפניו", דאָס הייסט, אַז אַלע טעג פון דער וואָך ציהען זייער יניקה פון די קדושה פון דעם שבת פריהער. "אולם, כל השבתות כולן, יונקות כוחן משבת הגדול ושבת שובה", אָבער אַלע שבתים פון יאָהר שעפּן זייער כח פון שבת הגדול און פון שבת שובה. זעהט מען אַז דער שבת איז כולל אין זיך אַלע שבתים פונעם יאָהר.

**דער** "בית אברהם" (לשבת הגדול, ד"ה "ענין שבת הגדול") ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע, אַ טעם פאַר'ן נאָמען "שבת הגדול", אַ משל צו אַ גרויסן קעניג וואָס האָט צוגעגרייט אַ סעודה פאַר זיינע גוטע

פריינט. וויבאַלד "אין עניות במקום עשירות", האָבן די קנעכט פונעם קעניג, צוגעגרייט די גאַנצע סעודה מיט גרויס הרחבה, כיד המלך ממש. ביים סוף פון די סעודה, זענען איבערגעבליבן זייער אַ סאך מאכלים און משקאות, און ווען מ'האָט עס דערציילט פאַר'ן קעניג, האָט דער קעניג באַפוילן אַז אַלעס וואָס איז איבערגעבליבן פון די סעודה, זאָל מען פאַרטיילן פאַר'ן פאָלק איבער'ן לאַנד.

**אָבער** אויך נאָך דעם ווי מ'האָט שוין פאַרטיילט פון די סעודה פאַר'ן גאַנצן פאָלק, איז נאָך אַלץ פאַרבליבן שיריים פון די סעודה, און עס איז דאָך נישט קיין כבוד פאַר'ן קעניג, אַז מ'זאָל אַריינוואַרפן אין מיסט די מאכלים פונעם קעניג. האָט דער קעניג באַפוילן צו געבן פון די איבערגעבליבענע מאכלים, פאַר די פאַרברעכער וואָס זיצן איינגעשפּאַרט אין די טורמעס[ו].

**דער** נמשל איז, דער באַשעפער מיט זיין גרויס רחמנות, דערגרייכן זיינע חסדים אויך צו די פּושעים און זינדיגע לייט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כא, יא) "וסלחת לעוני כי רב הוא", פרעגן די מפרשים, וואָס זענען די ווערטער "כי רב הוא" אַ נתינת טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער דאַרף מוחל זיין אונזערע עבירות? אדרבה, אויב די עבירות זענען פיהל, פאַרוואָס זאָל ער מוחל זיין אונזערע זינד? איז דער תירוץ, אַז "כי רב הוא" גייט אַרויף אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען, וואָס זענען פיהל, און כדי זיי זאָלן נישט גיין לאיבוד ח"ו, דאַרף מען זיך באַנוצן דערמיט אויך פאַר די חוטאים און פּושעים.

**זאָגט** דער "בית אברהם", אַז דערפאַר ווערט דער שבת אָהנגערופן "שבת הגדול", ווייל דער שבת איז גרויס און הייליג אַז מען זאָל רוהען אונטער זיינע פליגל. אַפילו דער פּושע און מורד ח"ו, קען געריינגט ווערן אין דעם שבת, מיט די געהעריגע טהרה אַלס אַ הכנה צום קומענדיגן גרויסן יום טוב פסח, ע"כ[ז].

---

**ו.** מ'קען צולייגן, אַז מסתמא האָט מען זיי אַרויסגענומען פון תפיסה און געזעצט אין אַ בכבוד'יגן אָרט, צו עסן פון די מאכלים פון די קעניגליכע סעודה, ווייל עס איז דאָך נישט אַ כבוד פאַר די מלוכה צו עסן די מאכלים פון די קעניגליכע סעודה, אין תפיסה.

**ז.** עס האָט מיר דערציילט אַן אייניקל פון הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זצ"ל פון סלאָנים, אַז זיין זיידע פלעגט כסדר איבער'חזר'ן די דאָזיגע ווערטער פונעם "בית אברהם", ווייל לכאורה איז שווער, אויב אַזוי, וואָס איז דער יחוס פונקט פון דעם שבת, אַז ער ווערט גערופן "שבת הגדול", יעדער שבת איז דאָך גרויס, ווי מיר

**ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה - די גאָר גרויסע עבודה פון פסח מאַכן**

**עס** איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע האָט געזאָגט, אַז מיט דעם וואָס אידישע קינדער אַרבעטן שווער אויסצורוימען דעם חמץ פון שטוב, טוהען זיי אויף די זעלבע פעולה ווי מיט תקיעות שופ"ר, קשר"ק ראשי תיבות, ק'ראַצן ש'ייערן ר'ייבן ק'ערן, און די מלאכים וואָס גייען אַרויף פון די עבודה, זענען ממליץ טוב אין הימל פאַר אידישע קינדער, פונקט ווי ביי תקיעת שופר[ח].

**די** ספרים הקדושים ("בוצינא דנהורא", וס' "בית אברהם") זאָגן אַ רמז דערויף, אין פסוק (שמות יג, ה) "ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה". "העבודה הזאת" איז מרמז אויף דעם פסוק (ויקרא טז, ג) "בזאת יבא אהרן אל הקודש". מיט די עבודה וואָס אידן אַרבעטן צוצוגרייטן דאָס הויז לכבוד יום טוב, טוהען זיי די זעלבע עבודה וואָס דער כהן גדול האָט געטוהן אין יום כיפור[ט].

**עס** שטייט אין "קב הישר" (פ' צ') אין נאָמען פון ספר "יסוד יוסף", "ויש קבלה בידי, כל טורח שאדם מטריח עצמו לכבוד יום טוב של פסח", מיר האָבן בקבלה, אַז יעדע טירחא וואָס דער מענטש איז זיך מטריח לכבוד דעם יום טוב פסח, "והוא עיף ויגע בהטורח", און

---

זאָגן (ברכת "רצה והחליצנו"), "כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניך". אויב אַזוי, וואָס איז די מעלה פון דעם שבת פאַר יום טוב פסח? נאָר דער שבת איז נישט סתם "גדול", נאָר אַ "גדול שבגדולים"...

**ח.** עס איז ידוע, אַז די משמשים פונעם "בית אהרן" זי"ע האָבן אַמאָהל געוואָלט קויפן נייע טישן אויף פסח, און אַוועקוואַרפן די אַלטע טישן. האָט דער "בית אהרן" זיי אָהנגעשריגן:

- וואָס וועט דער באַרדיטשוב'ער רב זאָגן?! וויסן זאָלט איר, אַז דער רעש און קול וואָס גייט אַרויף פונעם קראַצן און רייבן די טישן, איז מבטל אַלע קיטרוגים אין הימל!

**ט.** מ'זאָל נישט זאָגן, עס איז דאָך "ביטול תורה"... און אפשר איז גאָר בעסער צו לערנען תורה אַלס אַ הכנה צו די לעכטיגע סדר נאַכט. אויף דעם האָט שוין געזאָגט הרה"ק רבי אהרן ראָטה זי"ע, בעל "שומר אמונים", אַז ער האָט זיך אַמאָהל, פאַר פסח, פאַרשפאַרט אין זיין צימער, נישט אַריינלאָזנדיג קיינעם, כדי מ'זאָל איהם נישט מבלבל זיין. שרייבט ער, אַז אַזאַ שוואַכן "ליל שימורים", האָט ער נאָך אין זיין לעבן קיינמאָהל נישט געהאַט... ווייל דייקא דער קשר"ק, דייקא די טירדות און טירחות, זענען די בעסטע הכנה צו די גרויסע הייליגע נאַכט.

ער מוטשעט זיך און פלאָגט זיך מיט די טירחא לכבוד יום טוב, "אזי בעסק זה הוא הורג כל המזיקים הנקראים נגעי בני אדם", איז מיט די אַרבייט, הרג'עט ער אַלע מזיקים וואָס ווערן אָהנגערופן "נגעי בני אדם", ע"כ.

**עס** שטייט אין שאלות ותשובות "מן השמים" (סי' עא) "והחמירו בהם בכלליהם ופרטיהם", און די חז"ל האָבן מחמיר געווען אין אַלע כללים און פרטים פון אויסרוימען דעם חמץ, "וכל המאריך בדקדוקיהן, מאריכין לו ימיו ושנותיו", און יעדער מענטש וואָס איז גאָר שטאַרק מדקדק דערויף, איז זוכה צו אריכות ימים ושנים.

**מ'דאַרף** אָבער זיין שטאַרק געוואָרענט, אַז די הכנות צום יום טוב זאָלן געטוהן ווערן מיט אַ שמחה, און נישט מיט אָהנגעצויגנקייט, און מיט כעס און טרויעריקייט ח"ו, נאָר מ'זאָל זיין בשמחה אַז מ'האָט זוכה געווען צו אַזאַ גרויסן זכות, צו קענען פאַרשאַפן אַ נחת רוח פאַר'ן אויבערשטען, און אויסרוימען דאָס שלעכטע פון הויז'.

**עס** ווערט געברענגט אין נאָמען פון היילגן באַרדיטשוב'ער רב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, אַז דורך די הכנות צום יום טוב פסח קען דער מענטש אָהנקומען צו די מדריגה פון רוח הקודש, נאָר די מדה פון כעס מאַכט אַלעס קאַליע[יא]!

---

**י.** ביים אָנהייב פון הלכות פסח, ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכט) "אין נופלין על פניהם בחודש ניסן", מ'זאָגט נישט תחנון אין חודש ניסן. קען מען זאגן בדרך צחות, אז מ'הייבט אהן מיט דעם הלכות פסח, ווייל ווען דער מענטש קומט אַרויס פון חודש אדר, וואס "משנכנס אדר מרבין בשמחה" (תענית כט.), ווערט דער מענטש "נערוועז", ער דאַרף מסדר זיין די "קמחא דפסחא", און מ'דאַרף רייניגן דאָס הויז, א.א.וו., אויף דעם הייבט אָהן דער מחבר: "אין נופלין על פניהם בחודש ניסן", ווער נישט "געפאַלן אויפ'ן פנים" אין חודש ניסן, פון די גרויסע עבודה פונעם חודש... אט דאָס איז די בעסטע "הקדמה" צו הלכות פסח.

**יא.** הגה"צ רבי נטע ציינווירטה זצ"ל, מיקירי ירושלים, איז אַמאָהל אַריינגעקומען אין בית המדרש אין די פאַר-פסח טעג, און געזאָגט צו דעם עולם אין שוהל:

- מנהג אבותינו בידינו, איינצופיהרן אַ "יום תפילה" און פאַסטן על כל צרה שלא תבוא... און וויבאַלד עס איז אויף אונז אַרויפגעפאַלן אַ "צרה" וואָס הייסט "ערב פסח", דאַרף מען אויסרופן אַ "יום תפילה"...

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז רבי נטע האָט דערמיט געמיינט צו "באַרואיגן" דעם עולם פון די אָהנגעצויגענקייט פאַר יום טוב, און אַלע האָבן פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער, אַז אדרבה, מ'דאַרף זיין בשמחה און דאַנקען דעם אויבערשטען

הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (שמות לד, יז) "אלהי מסכה לא תעשה לך", און באַלד דערנאָך שטייט (שם פסוק יח) "את חג המצות תשמור" וגו'. די כוונה איז, כעס איז דאָך געגליכן צו עבודה זרה, ווי די גמרא זאָגט (שבת קה:) "הכועס כאילו עובד עבודה זרה". איז דער פסוק מרמז, אַז אין פסח זאָלסטו ערשט זיין געוואָרענט נישט צו זיין אין כעס, "אלהי מסכה לא תעשה לך", און דערנאָך: "את חג המצות תשמור".

**הכסיפו פניו - מבער זיין די סאָרט חמץ פון ווי טוען אַ חבר**

**דער** מחבר פסק'ענט (או"ח סי' תכט, ס"א) "שואלין בהלכות פסח קודם לפסח שלשים יום" מ'לערנט וועגן די הלכות פון יום טוב פסח, דרייסיג טעג פאַר יום טוב. זאָגט דער רמ"א: הגה, ומנהג לקנות חיטים לחלקן לעניים לצורך פסח, און עס איז אַ מנהג צו קויפן ווייץ, און עס אויסטיילן פאַר די אָרימעלייט אויף יום טוב פסח.

**ווייטער** זאָגט דער מחבר: "אין נופלין על פניהם בכל חודש ניסן", מען פאַלט נישט אויפ'ן פנים (דאָס הייסט, מ'זאָגט נישט תחנון) אַ גאַנצן חודש ניסן.

**זאָגט** הרה"ק רבי ר' ברוך'ל מעזיבוזשער זי"ע, אַ כוונה אין די סמיכות פון די צוויי הלכות, אַז דער רמ"א האָט קודם געוואָלט מקדים זיין, אַז צוערשט דאַרף מען זאָרגן פאַר'ן חבר, אַז ער זאָל האָבן אַלע זיינע באַדערפענישן מיט הרחבה[יב], און ער זאָל געבן "מעות חטים"

---

פאַר דעם גרויסן זכות וואָס מ'האָט אַז מ'קען זיך גרייטן צום יום טוב מיט די געהעריגע הכנות.

**יב.** איינמאָהל, אַ טאָג פאַר ערב פסח, י"ג ניסן, איז דער טעפּליקער רב, הגאון רבי שמשון אהרן פּאָלאַנסקי זצ"ל, אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזעהן אַ די בית המדרש פיל מיט אידן וואָס זיצן און לערנען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז "נישט די התמדה האָט זיי געכאַפּט (נאָר עפּעס אַ שטיקל וויקאַציע... צו אַנטלויפן פון שטוב אין אַזאַ צייט...")". האָט דער טעפּליקער רב געקלאַפּט אויף די בימה, און געזאָגט:

- רבותי, איך האָב דאָ אַ ליסטע פון הייזער מיט אלמנות ל"ע, וואו מ'דאַרף העלפן רייניגן אויף יום טוב!

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער עולם איז צוגעקומען צום טעפּליקער רב, און ער האָט גענומען ביי יעדן איינעם זיין נאָמען און אַדרעס. שפּעטער האָט דער טעפּליקער רב געגעבן צעטלעך מיט אַדרעסן פאַר יעדן איינעם וואו צו גיין העלפן רוימען אויף פסח. דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער טעפּליקער רב האָט פאַר

פאַר די אָרימעלייטיג, און ערשט דערנאָך זאָל דער מענטש זאָרגן פאַר זיך אַליין, אַז ער אַליין זאָל נישט האָבן אַ "נפילה" ח"ו.

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז אין כלל פון "חמץ" וואָס מיר זענען באַפוילן געוואָרן מבער צו זיין פון דער וועלט, איז אויך דער "חמץ" וואָס געפינט זיך אין האַרץ פון מענטש, אין ענינים שבין אדם לחבירו.

אַזוי זאָגט דער "עבודת ישראל" (לשבת הגדול, בסופו) אויף די ווערטער פון די משנה (פסחים מח:) "איזהו שיאור, כל שהכסיפו פניו", ווען ווערט עס "שאור" (חמץ)? דאס איז ווען "הכסיפו פניו", זיין פנים איז פאַרענדערט געוואָרן, "כאדם שעמדו שערותיו", ווי אַ מענטש וואָס זיינע האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט. און אַזוי ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תנט, ס"ב) "מצה שהכסיפו פניו הוא חמץ", מצה וואָס זיין צורה איז אַנדערש געוואָרן, איז עס חמץ. שרייבט דער "מגן אברהם" (שם סק"ה): "אבל העולם אין נזהרים בזה", אָבער די וועלט איז נישט געוואָרנט אין דעם.

זאָגט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אַז דאָ איז מרומז, עס זענען דאָ

---

יעדן איינעם געגעבן זיין אייגענעם אַדרעס, ער זאָל אַהיימגיין העלפן אין שטוב, פאַר זיין "לעבעדיגע אלמנה"...

ער האָט געמיינט צו מוכיח זיין די יונגעלייט, אַז עס איז נישט גוט צו זיין גרייט נאָר צו העלפן פאַר אַנדערע, און נישט פאַר די אייגענע בני בית, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נח, ז) "ומבשרך לא תתעלם".

**יג.** עס ווערט געברענגט אין ספר הגדה של פסח "אמרי החן" (להגה"צ רבי אלחנן היילפרין זצ"ל אב"ד ראדאמישלא בלאנדאן, עמ' ל') אַז דער צאַנזער רב זי"ע האָט זיך אַמאָהל פסח ביינאַכט, אינמיטן זאָגן די הגדה, צעפלאַקערט אַ שעה-צוויי. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז היי יאָר האָט מען אויסגערופן אין הימל, אַז דער "סדר" פון הרה"ק רבי אלעזר מענדל זי"ע פון לעלוב (וועלכער האָט געוואוינט אין ירושלים), שיינט היינט גאָר הויך, העכער פון די סדרים פון אַלע אַנדערע צדיקי הדור.

שפּעטער האָט מען געהערט, אַז יענעם יאָהר האָט הרה"ק רבי אלעזר מענדל באַקומען אַ גרויסן סכום געלט פון איינעם פון זיינע חסידים אין חוץ לארץ, וואָס ער האָט געהאַט געגוג צו פראַוועון דערמיט דעם גאַנצן יום טוב ווי שלמה המלך ע"ה בשעתו, אָבער רבי אלעזר מענדל האָט פאַרטיילט דאָס גאַנצע געלט פאַר די עניי ירושלים עיה"ק, אַז זיי זאָלן קענען פראַוועון דעם יום טוב געהעריג, בדיצה וחדוה, און דעריבער האָט זיין סדר אַזוי געשיינט אין הימל.

מענטשן וואס "זאָגן אַריין" פאַר זייער חבר און פאַרשעמען איהם ברבים, אַז עס ווערט "אזל סומקא ואתי חיורא", עס גייט אַוועק דער רויטער קאָליר פון פנים, און ער ווערט בלאַס פון פאַרשעהמונג. אַזאַ בחינה פון "הכסיפו פניו" איז "חמץ גמור", ווייל עס איז די עצה פונעם יצר הרע, און אויף דעם זאגט די מגן אברהם אז די וועלט איז נישט געוואָרנט אין דעם, ווייל מ'זאָגט, "איך מאַך דאָך נאָר אַ ווערטל"... ער פיהרט אויס: "ובודאי, מי שרוצה להיות ירא שמים יהיה נזהר מזה החמץ", און אַוודאי אויב דער מענטש וויל זיין אַ ירא שמים, זאָל זיין געוואָרנט פון דעם סאָרט "חמץ".

**אויך** ווען מ'איז עוסק אין רוחניות'דיגע ענינים, דאַרף מען זיין זייער געוואָרנט אין כבוד פון אַ צווייטן, נישט פוגע צו זיין ח"ו אין זיין כבוד, וואָס ליידער "העולם אין נזהרין בזה", די וועלט איז נישט געוואָרנט אין דעם עניין. דורך דעם איז מען גורם אַז די מצוה זאָל ח"ו זיין אין דער בחינה פון אַ "מצוה הבאה בעבירה"[יד].

**מצות תאכל במקום קדוש - כשר'ן און רייניגן די מויל**

**אויך** זאָגן די ספרים, אַז דעם ענין פון "הגעלת כלים", דאַרף מען מקיים זיין אויך אין די אייגענע "כלים", ווי דער "תפארת שלמה" שרייבט (ליקוטים חדשים,

---

**יד.** עס האָט דערציילט הרה"ח רבי שלמה פרישטיג ז"ל, אַן איידים פון הרה"ק רבי גדלי' משה זצ"ל פון זוועהיל, אַז ווען ער איז געוואָרן אַן אייניקל ביי רבי שלמה'קע זוועהילער, האָט ער געהאַט אַ פּראָבלעם, וויסנדיג אַז רבי שלמה'קע איז זייער שאַרף קעגן מאַשין מצות, און אין הויז פון רבי שלמה'ס עלטערן האָט מען יאָ געגעסן מאַשין מצות. האָט ער געפרעגט די רבנים אין ירושלים וואָס ער זאָל טוהן, דער זיידע איז דאָך שאַרף קעגן מאַשין מצות. האָבן די רבנים איהם געזאָגט, "יעדער פרעגט דאָך זייערע שאלות ביי רבי שלמה'קע זוועהילער, קענסטו איהם אויך פרעגן די שאלה...".

דערציילט רבי שלמה, אַז מיט'ן מויל האָט ער נישט געוואַגט צו פרעגן אַזאַ שאלה ביי רבי שלמה'קען, האָט ער עס איהם אויפגעשריבן אויף אַ צעטל... ווען רבי שלמה'קע האָט געזעהן דאָס צעטל מיט דער שאלה, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איהם, און איהם געזאָגט:

- שלמה'לע, דו מיינסט טאַקע אַז אויף יענער וועלט וועט מען דיך פרעגן צו דו האָסט געגעסן מאַשין מצות, אָדער געבראָקס? אין הימל וועט מען דיך פרעגן צוויי שאלות: צו דו האָסט געהיטן דיינע אויגן, און צו דו האָסט דיר געהיטן דאָס מויל נישט צו טשעפּען אַ איד!

רבי שלמה'קע האָט געמיינט צו זאָגן, אַוודאי בין איך שאַרף קעגן מאַשין מצות, אָבער אויב דיין טאַטע פירט זיך אַזוי, פרעגסטו מיך אַ שאלה?!

ד"ה "מצות תאכל", בסופו), אויפ'ן פסוק (ויקרא ו, ט) "מצות תאכל במקום קדוש", אַז דער מענטש זאָל זיך צוגרייטן פאַר יום טוב, צו היילִיגן זיין מויל, וואָס דאָס איז די פלאַץ וואו ער נעמט אַריין די היילִיגע מצה, אַז עס זאָל זיין אַ "מקום קדוש", און ער זאָל עסן די מצות בקדושה ובטהרה, אָבער פאַר דעם צוועק, דאַרף ער פאַר יום טוב היילִיגן און ריינִיגן זיין מויל נישט צו רעדן לשון הרע און אַנדערע דיבורים אסורים[טו], און ער זאָל רעדן ווערטער נאָר לשם שמים, און אין דעם כלל, איז אויך אַריינגערעכנט משגיח צו זיין מיט די גערעריגע זהירות, אויף אַלעם

---

עס דערציילן אַ גרופּע חסיד'ישע יונגעלייט, אַז זיי זענען געגאַנגען הערן די מעשה פון רבי שלמה'ן אַליין (אין "ווידע יצחק", וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן), און ווען ער האָט זיי דערציילט די מעשה, האָט איין יונגערמאַן געפרעגט:

- אָבער למעשה, וואָס האָט רבי שלמה'קע אייך געזאָגט, איר מעגט יאָ עסן, אָדער נישט עסן די מאַשין מצות?

האָט ר' שלמה געענטפערט:

- וואָס ער האָט געענטפערט? אַוודאי האָט ער געענטפערט! ער האָט געלאַכט פון די גאַנצע חומרא פון מאַשין מצות, אין די צייט ווען עס איז נוגע אַן איסור דאורייתא פון טשעפּען די געפיהלן פון אַ צווייטן איד (אין דעם פאַל, ר' שלמה'ס פאָטער). ווען עס האַנדלט זיך אין טשעפּען אַ איד ח"ו, איז נישט דאָ קיין אָרט פאַר קיין שום חומרא אויף דער וועלט... דאַן האָט ר' שלמה געזאָגט צו דעם פרעגער:

- אויב איך וואָלט געוואוסט אַז דו וועסט פרעגן אַזאַ שאַלה, וואָלט איך דיר קיינמאָהל נישט דערציילט די מעשה! ווייל עס פעלט ביי אייך אַ גרויסער יסוד אין אידישקייט!

**טו.** מענין זה, זאָגן די ספרים אַ רמז אין די ווערטער פון בעל ההגדה אין "חד גדיא": "דזבין אבא בתרי זוזי", מ'קען "קויפן" דעם באַשעפער כביכול, דעם גרויסן "פאָטער" אין הימל, "בתרי זוזי", דורך זיך "רוקן" און היטן די צוויי איברים, די אויגן און דעם מויל, מיט אַ דאָפּלטע שמירה.

אַזוי האָט געזאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, אויפ'ן פסוק (שמות יט, ה) "והייתם לי סגולה". "סגולה" איז פון לשון "סגול". די נקודה "סגול", האָט צוויי פינטלעך אויף די אויבערשטע שורה, און איין פינטל, אונטן. די צוויי אויבערשטע פינטלעך זענען מרמז אויף די צוויי אויגן, און דאָס אונטערשטע פינטל איז מרמז אויפ'ן מויל. דער אויבערשטער בעהט אידישע קינדער: "והייתם לי סגולה" - גיט מיר דעם "סגול", די אויגן און די מויל... איר זאָלט זיי אָפּהיטן בקדושה.

דער אמת איז אָבער, אַז אויך אויב מ'האָט שוין גערעדט ווערטער וואָס מ'טאָר נישט רעדן, קען מען עס מתקן זיין.

וואָס קומט אַריין אין מויל, און דאַן איז מען מקיים "מצות תאכל במקום קדוש"[טז]. דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו פראוועןן דעם יום טוב בדיצה ושמחה, הרבה והרווחה, און פארטרייבן פון זיך יעדן ברעקל שלעכטס ברוחניות ובגשמיות, און נאך דעם יאָר זאלן מיר זוכה זיין צו עסן מן הזבחים ומן הפסחים, אשר יגיע דמם על קיר מזבחך לרצון, אמן.

---

אַזוי ווערט געברענגט אין די הגדה של פסח "בן איש חי", אַ מעשה מיט אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ משרת וואָס האָט געהייסן "ברוך מרדכי הירש". אַמאָהל ערב פסח פאַרנאַכט, האָט מען זיך דערמאנט אין שטוב אַז מ'האָט נאָך נישט געמאַכט חרוסת, און דער בעל הבית האָט געשיקט זיין משרת ברוך מרדכי הירש, ער זאָל ברענגען ניסן און טייטלען, און די אַנדערע זאַכן פון וואָס מ'מאַכט חרוסת.

דער משרת, ברוך מרדכי, איז אָבער געווען אַ "שלימזל", און ער האָט זיך דערמאנט צו אַהיים קומען ווען עס איז שוין געווען ביינאַכט דער זמן פון יום טוב... האָט דער בעל הבית איהם אָנגעשריגן: "בהמה, בהמה...". דער משרת איז אָבער נישט געבליבן שולדיג, און האָט איהם צוריקגעענטפערט: "דו"... האָט דער בעל הבית, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט איבערגעטריבן מיט באַליידיגן דעם משרת דורך רופן איהם "בהמה", געזאָגט, אַז ער האָט געמיינט צו פרעגן מיט'ן וואָרט "בהמה": "ברוך מרדכי הירש, מה הבאת?..." (ראשי תיבות "בהמ"ה") - וואָס האָסטו געברענגט? אָבער זאָג מיר - האָט ער געזאָגט צום משרת. - פון דיין ענטפער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט פאַרשטאַנען אַז איך מיין "בהמה" כפשוטו, און דערפאַר האָסטו מיר געענטפערט חוצפה'דיג: "דו"?!... האָט דער משרת איהם געזאָגט:

- איך האָב אויך געמיינט מיט'ן וואָרט "אתה" (דו) צו זאָגן, את"ה ראשי תיבות א'גוזים ת'מרים ה'באתי... צו מאַכן דערפון חרוסת.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין דעם פסוק (משלי יח, כא) "מות וחיים ביד הלשון". לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט אָהנהייבן בטוב, "חיים", און דערנאָך זאָגן "מות"? נאָר דאָ איז מרומז, אַז אויך אויב מ'האָט שוין גערעדט שלעכטע רייד, וואָס זענען בחינת "מות" ח"ו, קען מען עס נאָך אַלץ איבערדרייען צו "חיים".

**טז.** אַ פלימעניק פון הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע, האָט אַמאָהל פאַר פסח געשריבן אַ בריוו צום פעטער, מיט וועמען ער איז געווען זייער נאָענט, אַז ער האָט שוין, ברוך השם, מצות און וויין, פיש און פלייש לכבוד יום טוב, אָבער עס פעהלט איהם "פסח" אויף פסח... ער בעהט דעריבער, אַז דער פעטער, רבי שלמה קאַרלינער, זאָל איהם שיקן "פסח" אויף פסח... האָט רבי שלמה קאַרלינער

# חג הפסח

### סד"ר - די סוד צו איבערדרייען פון אח"ר צו אח"ד

**דער** "בני יששכר" טייטשט (אדר, מאמר ב', שקל הקודש, אות י', וכ"כ בספרו אגרא דכלה פ' בראשית) דעם פּסוק (בראשית ג, יח) "וקוץ ודרדר תצמיח לך" וגו'. ווען אדם הראשון האָט געגעסן פון עץ הדעת, איז געוואָרן אַן עירבוב, אַ אויסמישונג צווישן טוב און רע. אינעם פּסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" (דברים ו, ד) [וואָס איז מרמז אויף אמונה אין השגחה פּרטית, אַז דער באַשעפער פירט די וועלט], איז דאָ אַ גרויסע דל"ת אין וואָרט "אחד". אין פּסוק (שמות לד, יד) "כי לא תשתחוה לאל אחר", איז דאָ אַ גרויסע רי"ש. דער פּסוק איז מרמז אויף אמונה אין טבע, וואָס מענטשן מיינען אַז אַלעס איז בדרך הטבע, דאָס איז אַ בחינה פון עבודה זרה - אל אחר.

**דער** חילוק צווישן דעם אות דל"ת און דעם אות רי"ש, איז נישט מער ווי דער שפּיץ פון אויבן. האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר אדם הראשון נאָכ'ן חטא, יעצט וועט דיין הויפּט אַרבייט זיין, "וקוץ ודרדר", דער שפּיץ פון די דל"ת וואָס איז אַנדערש פון רי"ש, די נקודה, דאָס איז דער עיקר עבודה פון אַ איד אויף דער וועלט - איבערצודרייען פון "אחר" צו "אחד" - דורך אמונה אין השגחה פּרטית.

**דער** חילוק אין צאָהל צווישן ד' (4) און ר' (200) איז 196 (קו"ץ). זאָגט דער פּסוק "וקוץ ודרדר" - דער קו"ץ (196)

---

איהם געענטפערט: "ווי אַזוי קען מען אַריינגעמען דעם 'פּסח' אין אַ זאַק מיט חמץ...". ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מען דאַרף זיך אַליין קודם "כשר'ן" כדת וכדין, און ערשט דערנאָך קען מען זוכה זיין צום אור פון יום טוב פּסח.

הרה"ק רבי בעריש ביאַלער זי"ע האָט אַמאָהל געוויינט אין זיין דרשה שבת הגדול, אַז אַ סאַך מענטשן פרעגן איהם שאלות ווי אַזוי מ'קען "כשר'ן" פאַרשידענע כלים, אָבער קיינער פרעגט נישט ווי אַזוי מען קען "כשר'ן" דאָס מויל מיט וועלכן מ'האָט גערעדט פאַרשידענע דיבורים, אַז מען זאָל קענען עסן די מצה בקדושה ובטהרה.

הרה"ק רבי יוחנן'טשע ראַכמיסטריווקער זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז אויף דעם סימן "כרפס", כרפ"ס ראשי תיבות כ'לל ר'אשון פ'ה ס'גור. דער ערשטער כלל אין עבודת ה' איז צו האַלטן אַ פאַרשלאָסענעם מויל. "מגיד", דאָס וואָס מ'דאַרף שוין יאָ אַרויסרעדן פון מויל, "יחץ", זאָל מען "צעברעכן", און אויך נישט זאָגן אַלעס...

וואָס דאָס איז דער אונטערשיד צווישן ד' און ר' ("דרדר"), "תצמיח לך", דאַרף דער מענטש אויפשפּראָצן און איינוואָרצלען אין זיין מח און האַרץ.

**על** דרך זה, טייטשט דער "מנחת יצחק" (פרשת תרומה, עמוד ש"י)[יז] דעם פּסוק (שמות יז, טז) "מלחמה לה' בעמלק מד"ר ד"ר", איבערצודרייען פונעם רי"ש ("אחר") צו דל"ת ("אחד"), ווייל עמלק האָט דאָך געוואָלט אַריינברענגען אין אידן די כפירה צו מיינען אַז אַלעס איז אַ "מקרה", עס האָט זיך פּונקט אַזוי געטראָפן[יח].

**דעריבער** איז דאָס די מלחמה קעגן עמלק, "מדר דר", צו מאַכן פון דעם "אחר" אַן "אחד", אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. דאָס איז אויך דער ענין פון "סדר" נאַכט אין פּסח, סד"ר ראשי תיבות ס'וד ד'לת ר'יש. דער סוד פון איבערדרייען די רי"ש צו אַ דל"ת - "וידעתם כי אני ה'".

**אחד אלקינו שבשמים ובארץ - די לימוד פון די הייליגע סדר נאַכט**

**עס** איז דאָך אַ זמן פון אמונה, ווי דער רמב"ן זאָגט (שמות יב, יג) "וכן יאמר הכתוב במופתים", "למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ" (שמות ח, יח), "כי אין כמוני בכל הארץ" (שם ט, יד), להורות לבעל היכולת, שהוא שליט בכל ואין מעכב בידו. אם כן, האותות והמופתים הגדולים עדים נאמנים באמונת הבורא ובתורה כולה.

"**כי** מן הנסים המפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים", ווייל דורך די באַקאַנטע נסים, איז דער מענטש מודה אין די באַהאַלטענע נסים, "שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו, עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים, אין בהם טבע ומנהגו של עולם", אַז דער מענטש האָט נישט קיין חלק אין די תורה פון משה רבינו ע"ה, ביז מיר גלייבן אין אַלע אונזערע פּאַסירונגען, אַז אַלעס איז נסים. עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי "טבע" אין דער פּאַסירינגען פון דער וועלט, "בין ברבים", סיי וואָס עס קומט פּאָר מיט'ן רבים, "בין ביחיד", סיי ביי יעדן איינציגן יחיד, עכ"ל.

**דער** "שפת אמת" ברענגט אין נאָמען פונעם "חידושי הרי"ם" זצ"ל, אויף די ווערטער פונעם בעל ההגדה: "ויִרעו

---

**יז.** אין זיין ספר "מנחת יצחק" (פרשת ויקרא) ברענגט דער ירושלימ'ער רב זצ"ל דעם פּירוש אין נאָמען פון הרה"ק בעל "ייטב לב" זי"ע (פרשת דברים) עה"פ ראה נתן ה"א לפניך וגו'.

**יח.** אַזוי שטייט אין מדרש (אסת"ר פ"ח, ה) אויפ'ן פסוק (אסתר ד, ז) "ויגד לו מרדכי את כל אשר קרהו", "אמר להתך, לך אמור לה (לאסתר) בן בנו של "קרהו" בא עליכם, הדא הוא דכתיב (דברים כה, יח) "אשר קרך בדרך".

אותנו המצרים כמה שנאמר" וכו', "ויענונו כמה שנאמר". פאַרוואָס זאָגט דער בעל הגדה יעדעס מאָהל די ווערטער "כמה שנאמר", (אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק)? דער פּסוק זאָגט דאָך אונז גאָרנישט מער ווי דער בעל הגדה זאָגט?

**ענטפערט** דער "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז דער בעל הגדה האָט געוואָלט מרמז זיין, אַז יעדער צער און עגמת נפש וואָס דער מענטש האָט, איז עס "כמה שנאמר" - ווי דער אויבערשטער האָט באַפוילן אין הימל אַז אַזוי זאָל פּאַסירן מיט'ן מענטש, און אַלעס איז מיט אַ מאָס און אַ וואָג. דער מענטש באַקומט נישט אַפילו אַ קליינעם צער מער ווי עס איז איהם פאַרשריבן געוואָרן פון הימל. אויף דעם זאָגן מיר: "וירעו וכו' כמה שנאמר, ויענונו כמה שנאמר".

**לויט** דעם קען מען זאָגן אַ כוונה אין דעם וואָס מיר זאָגן ווייטער אין די הגדה: "ונצעק אל ה' אלוקי אבותינו, כמה שנאמר, ותעל שועתם אל האלקים", אַז אויב עס איז ח"ו נגזר געוואָרן אויפ'ן מענטש אַ צרה רח"ל, קען ער בטל מאַכן דעם גזר דין דורך מתפלל זיין צום אויבערשטען. אויף דעם זאָגן מיר "ונצעק", אויב ער וועט שרייען שטאַרק צו דעם אויבערשטען, וועט ביי איהם מקוים ווערן "כמה שנאמר ותעל שועתם אל האלקים", אַז דער אויבערשטער וועט זאָגן אַז פון יעצט און ווייטער, זאָל שוין זיין נאָר גוט פאַר'ן מענטש[יט].

**דער** מהר"ל ז"ל זאָגט (ס' "גבורות השם", פל"ה) אויפ'ן פּסוק (שמות יב, מו) "בבית אחד יאכל, ועצם לא תשברו בו", מ'דאַרף עסן דעם קרבן פּסח אין איין הויז, און מ'טאָר נישט צוברעכן אַ ביין פונעם קרבן פּסח. וואָס איז דער ענין פון עסן דעם קרבן פּסח אין איין הויז, און אַז די ביינער דאַרפן זיין גאַנץ?

**זאָגט** דער מהר"ל, דער גאַנצער ענין פון קרבן פּסח איז דאָך געווען איינצואוואָרצלען אין אונזערע הערצער אמונה אין הייליגן באַשעפער, וואָס דאָס איז דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים, צו דערמאַנען די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונז.

---

**יט.** מיר האָבן געהערט פון הרה"ג ר' נחמן ווילהעלם שליט"א, אַ רמז אויף דעם "סימן" אין די הגדה, "מגיד": דורכ'ן יאָהר, האָט דער מענטש פאַרשידענע קשיות: "הגידה לי", זאָג מיר, פאַרוואָס גייט מיר שווער מיט שידוכים? פאַרוואָס גייט מיר שווער מיט פרנסה, און אַנדערע פּראָבלעמען? אויף דעם זאָגט מען, "מגיד", אַז מ'זאָגט די הגדה, ביז מ'קומט-צו צום "ואתא הקדוש ברוך הוא"... (חד גדיא), אַלעס איז פון דעם אויבערשטען...

**דעריבער** איז געווען דער ציווי ביים קרבן פסח, צו עסן דעם קרבן, "בבית אחד" - אין איין הויז, כדי אונז צו לערנען, אַז עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט נאָר "אחד" - איין באַשעפער, אחד יחיד ומיוחד ב"ה. און דערפאַר טאָר מען נישט צוברעכן אַ ביין פון קרבן פסח אויף צוויי טיילן, ווייל אויב מען צוברעכט דעם ביין, ווערט דאָך "צוויי" דערפון, און דער לימוד פון קרבן פסח איז אַז עס איז דאָ נאָר איין באַשעפער.

**ביים** סוף פונעם סדר, זאָגן מיר "אחד מי יודע?", ווער ווייסט וואָס "אחד" איז? און מיר ענטפערן אַליין: "אחד אלקינו שבשמים ובארץ", ווייל דער לימוד פונעם גאַנצן סדר איז אַז "אחד אלקינו שבשמים ובארץ", און דאָס איז דער צייכן אַז דער "סדר" איז אַדורכגעגאַנגען מיט הצלחה, אויב מ'האָט זיך אויסגעלערנט אין דער הייליגער נאַכט אַז "אחד אלקינו שבשמים ובארץ".

### והגדת לבנך - די אמונה גייט אַריבער דווקא פון אַ טאַטע צו אַ זוהן

**פסח** ביינאַכט, איז די עבודה פון סיפור דווקא מאב לבן, פון אַ טאַטן צו אַ זוהן.

**מיר** זעהן אַ מורא'דיגע זאַך אין שופטים (ו') ווען דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבן די אידן אין די הענט פון די מדיינים, און די אידן האָבן געשריגן צום אויבערשטען וועגן די מדיינים, "ויהי כי זעקו בני ישראל אל ה', על אודות מדין", דערציילט דער פסוק, אַז גדעון, דער זוהן פון יהואש, האָט געזען אַ מלאך. "ויאמר אליו גדעון, בי אדוני", האָט גדעון געזאָגט צו דעם מלאך, אויב דער אויבערשטער איז מיט אונז, "ולמה מצאתנו כל זאת", פאַרוואָס האָט דאָס אַלעס אונז געטראָפן? "ואיה כל נפלאותיו אשר סיפרו לנו אבותינו לאמור", און וואו זענען אַלע וואונדער (פונעם באַשעפער) וואָס אונזערע עלטערן האָבן אונז דערציילט. "הלא ממצרים העלנו ה'", דער אויבערשטער האָט דאָך אונז אַרויסגענומען פון מצרים, "ועתה נטשנו ה' ויתננו בכף מדין", און יעצט, האָט דער אויבערשטער כביכול אונז פאַרלאָזט, און ער האָט אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון די מדיינים.

**זאָגט** רש"י: "פסח היה", ווען גדעון האָט גערעדט צו דעם מלאך, איז עס געווען יום טוב פסח. "אמר לו", האָט גדעון געזאָגט צום מלאך: "אמש הקרני אבא את ההלל", נעכטן האָט מיין טאַטע (יהואש) געלייענט פאַר מיר הלל, "ושמעתיו שהיה אומר", און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט דעם פסוק (תהלים קיד א): 'בצאת ישראל ממצרים'. "ועתה נטשנו", און יעצט האָט ער אונז פאַרלאָזט? "אם צדיקים היו אבותינו, יעשה לנו בזכותם", ממה נפשך, אויב אונזערע עלטערן זענען געווען צדיקים, זאָל מען יעצט אויך טוהן מיט אונז נסים אין זייער זכות. "ואם

רשעים היו" - און אויב זיי זענען געווען רשעים ח"ו, "כשם שעשה להם נפלאותיו חנם", איז פונקט אַזוי ווי ער האָט געטוהן זיינע וואונדער מיט אונזערע עלטערן אומזיסט. "כן יעשה לנו", אַזוי זאָל ער אויך יעצט טוהן וואונדער מיט אונז בחנם. "ואיה כל נפלאותיו - און וואו זענען אַלע זיינע וואונדער?".

**זאָגט** הגאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון די מירער ישיבה אין ירושלים, אַז מיר זעהען דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. גדעון איז דאָך געווען אַ צדיק (ווייל אויב נישט, וואָלט ער דאָך נישט זוכה געווען צו רעדן מיט אַ מלאך), און ער איז געווען אַ זוהן פון דעם רשע יהואש, וואָס האָט במשך זיבן יאָהר גע'שחט'ן אַ פר פאַר די עבודה זרה. פונדעסטוועגן, האָט גדעון באַטאָנט און געזאָגט צום מלאך: "אמש הקרני אבא בצאת ישראל ממצרים" - מיין טאַטע האָט מיט מיר נעכטן געלייענט "בצאת ישראל ממצרים", ווייל פסח ביינאַכט, איז דער עיקר די מסורה פון אַ טאַטן צו זיין זוהן, "והגדת לבנך"[כ].

---

**כ.** דאָס איז אַ מוסר השכל פאַר די יעניגע מענטשן וואָס טראַכטן ביי זיך: "איך בין דאָך אַ בעל מדריגה... מיין טאַטע קען מיר זאָגן מוסר?"... אויף דעם קען מען איהם ענטפערן: "דיין טאַטע איז דאָך זיכער נישט אַ רשע ווי יהואש", און פונדעסטוועגן זעהן מיר אַז גדעון האָט געזאָגט "אמש הקרני אבא בצאת ישראל ממצרים".

הגאון רבי מיכל פיינשטיין זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָהל געהאַט אַ געלעגנהייט צו קענען זיין פסח ביים סדר ביים "חפץ חיים" זי"ע, און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז ער האָט געהאַט גרויס חשק דערצו. ווען ער האָט געפרעגט הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל, האָט רבי ירוחם איהם געזאָגט:

- ראש השנה, אָדער יום כיפור, ווען דו ווילסט, קענסטו זיין ביים "חפץ חיים", אָבער ליל שימורים, דאַרף מען זיין ביים טאַטן: "והגדת לבנך"! ווייל די השרשת האמונה, איז מאב לבן - פון אַ טאַטן צו זיין זוהן!

מיר האָבן שוין דערציילט, אָבער ס'איז כדאי איבערצודערציילן די מעשה: אין מאַנשעסטער האָט געוואוינט הרה"ח הישיש ר' יעקב יוסף ווייס ע"ה, אַ טייערער איד וועלכער האָט ב"ה אויפגעשטעלט אַ שיין דור און איז נפטר געוואָרן עטליכע יאָהר צוריק. אין צייט פון דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה איז ער דורכגעגאַנגען שווערע צייטן אין די לאַגערן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין אמונה און בטחון, אַז דער אויבערשטער קען איהם יעדע מינוט העלפן און ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט.

**מיכלא דמהימנותא - מיט אמונה ווערט אַלעס זיס**

**עס** שטייט אין ספה"ק "תפארת שלמה", אויף דעם וואָס מיר מאַכן הסיבה ביי "כורך", ווען מען וויקעלט איין די מרור אין די מצה, כאָטש ביים עסן מרור לייענט מען זיך נישט אָן. איז פאַרוואָס מאַכט מען ביי "כורך" הסיבה, מען עסט דאָך מרור?

**ענטפערט** דער "תפארת שלמה", אַז וויבאַלד מצה ברענגט אמונה, ווי דער זוהר הקדוש רופט עס אָן (זוה"ק ח"ב קפג:) "מיכלא דמהימנותא". אַז מען לייגט אַריין "מצה" (אמונה) אינעם "מרור", ווערט דער "מרור" זיס, און ממילא קען מען שוין מאַכן הסיבה. אַז מען ווייסט אין יעדן מצב איז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, איז עס "אוים מרור"[כא]!

---

ווען ער איז שוין געשטאַנען אין גאַז קאַמער אין דעם גיא צלמות אושוויץ רח"ל, האָט זיין חבר - ווען די יסורים האָבן ליידער מעביר געווען על דעתו רח"ל, און ווען ר' יעקב יוסף פלעגט כסדר זאָגן אַז אויך אין די צרה רח"ל געפינט זיך דער אויבערשטער מיט אידישע קינדער, און ער קען יעדע מינוט ראַטעווען דעם מענטש, אויך אין דעם נידעריגסטן מצב - איהם געפרעגט:

- נו, וואָס זאָגסטו יעצט, ווען מיר שטייען שוין אין גאַז קאַמער?

האָט ר' יעקב יוסף געענטפערט:

- דאָ זאָג איך דיר אויך אַז דער אויבערשטער איז דאָ, און אויב דער אויבערשטער וויל, וועט מען פון דאָ אויך געראַטעוועט ווערן!

למעשה, איז נישט געווען גענוג פלאַץ אין גאַז קאַמער, ווייל דער גאַז קאַמער איז געווען פול מיט מענטשן, האָט מען אַרויסגענומען ר' יעקב יוסף, וועלכער איז געווען אַ "בעל בשר", און ער איז געראַטעוועט געוואָרן און האָט איבערגעלעבט די קריג! ער פלעגט טאַקע דערציילן די מעשה פון דעם נס, יעדעס יאָהר פסח ביינאַכט ביים סדר.

ווען זיינע קינדער האָבן איהם געפרעגט, ווי אַזוי ער האָט זיך געקענט האַלטן מיט אַזאַ שטאַרקע אמונה און בטחון אויך אין די שווערסטע צייטן, האָט ר' יעקב יוסף געענטפערט, אַז זיין פאָטער פלעגט איינפרעדיגן אין די קינדער אין דער סדר נאַכט פון פסח, אמונה אין השגחה פרטית, און די דאָזיגע אמונה איז געבליבן איינגעזאַפט אין זיינע ביינער.

**כא.** על דרך צחות, קען מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הגדה: בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך. דער אויבערשטער זאָגט, עס איז נישט גענוג דיין אמירה, נאָר מצה ומרור מונחים "לפניך" איך וויל זעהן ווי די אמונה ליגט אויף דיין פנים...

**הרה"ק** רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (קהלת ב, ט) "אף חכמתי עמדה לי", שלמה המלך ע"ה, דער "חכם מכל האדם", זאָגט, "אף" - ראשי תיבות א'מונה פ'שוטה, "עמדה לי".

**דאָס** איז די כוונה פון דעם וואָס פסח ביינאַכט הייבן מיר אָן די הגדה מיט די ווערטער: "הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים". פאַרוואָס זאָגן מיר אַז מיר עסן מצה ווייל אונזערע אבות האָבן געגעסן מצות אין מצרים? דער פסוק זאָגט דאָך (שמות יב, לט) אַז מיר עסן מצות "ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים" וגו', אַז ביים אַרויסגיין פון מצרים האָבן די אידן נישט אָנגעיאָגט צו באַקן ברויט (און נישט דערפאַר ווייל אונזערע אבות האָבן געגעסן מצות אין מצרים), ווי מיר זאָגן עס אויך ווייטער אין דער הגדה?

**נאָר** ווי געזאָגט, איז דאָך דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים כדי אַריינצוזעבן אין אונז די אמונה, מיר זאָלן גלייבן אין השגחה פּרטית. אין מצרים, האָבן די אידן געוואוסט, אַז ביים עלות השחר וועלן זיי אַרויסגיין פון מצרים, האָט מען זיך שוין געקענט פרייען, "עס וועט מארגן זיין ברויט, פּיטאַ"... און ביים אַרויסגיין פון מצרים... האָט דער באַשעפער זיי געוויזן, איר וועט אַרויסגיין פון מצרים, אָבער קיין "פּיטאַ" און ברויט וועט איר נישט האָבן!... זיי האָבן געמיינט, אַז זיי עסן מצות ווייל זיי זענען קנעכט פון די מצריים, האָט דער אויבערשטער זיי געוויזן, אַז אויך ווען זיי גייען אַרויס אויף דער פריי, וועלן זיי עסן מצות.

**דאָס** קען זיין דער טעם פאַרוואָס מ'צוברעכט די מיטלסטע מצה, און די גרעסערע העלפט, באַהאַלט מען פאַר'ן "אפיקומן"[כב]. די דריי מצות זענען

---

הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט, עס איז לייכטער אַרויסצונעמען אַ איד פון מצרים, ווי "מצרים" פון אַ איד...

**כב.** דער רא"ש ז"ל זאָגט (פי' הרא"ש שמות ו, א) אַ טעם פאַרוואָס די אידן זענען געווען משועבד אין מצרים 210 יאָהר, "לא פחות, ולא יותר" - נישט מער, און נישט ווייניגער. זאָגט דער רא"ש, "ושמעתי טעם", און איך האָב געהערט אַ טעם, "כי בעוד שהיו אבותינו בשעבוד", אַזוי לאַנג ווי אונזערע עלטערן זענען געווען משועבד אין מצרים, "היו עומדין האבות ומתפללין תמיד בעד ישראל", זענען די אבות הקדושים אברהם, יצחק, און יעקב, שטענדיג געשטאַנען און מתפלל געווען פאַר די אידן. "אמר להם הקדוש ברוך הוא", האָט דער אויבערשטער זיי געזאָגט: "כלום יש בכם שירצה לגרע מאותיות שמו, וכן אגרע ממנין השעבוד העתיד לבוא על ישראל?". איז דען דאָ צווישן אייך איינער וואָס וועט זיין גרייט אַראָפּצונעמען

מרמז אויף "היה", "הוה", "יהיה". אויפ'ן "היה" - דעם "עבר", ווייסט אַ איד מודה צו זיין אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. אויפ'ן "יהיה", ווייסט ער אויך צו זאָגן, דער אויבערשטער וועט העלפן און עס וועט זיין גוט... נאָר אויפ'ן "הוה" דאַרף מען זיך שטאַרקן מיט די געהעריגע אמונה, אַז אויך אויב "יעצט" איז שווער ח"ו פאַר'ן מענטש, זאָל ער זיך מחזק זיין מיט אמונה. וועגן דעם צוברעכט מען די מצה וואָס איז אַנטקעגן "הוה"[כג].

---

פון די אותיות פון זיין נאָמען, און אַזוי פיהל וועל איך אַראָפּנעמען פון דער צאָהל יאָהרן וואָס די אידן דאַרפן אַרבעטן שווער אין מצרים.

"אברהם ויעקב השיבו, לאו", אברהם און יעקב האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען נישט מסכים אַראָפּצונעמען פון די אותיות פון זייערע נעמען, "כי כל האותיות צריכות לנו" - ווייל אַלע אותיות דאַרפן אָהנקומען צו אונז. "עד שבא יצחק ואמר, רבונו של עולם", ביז יצחק איז געקומען און געזאָגט, רבש"ע, "מן הדין היה שמי להיות נכתב בשי"ן, וכן הוא בדברי הימים ושבועתו לישחק", באמת וואָלט מיין נאָמען געדאַרפט זיין "ישחק", מיט אַ שי"ן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קה, ט) "ושבועתו לישחק". "אני מוחל כבודי שיכתב בצד"י, ותגרע מן החשבון עד שיגיע לעודף שיש מהשי"ן עד הצד"י", איך בין מוחל אויף מיין כבוד, אַז איך זאָל נישט הייסן "ישחק", נאָר "יצחק", און נעמען אַראָפּ פון חשבון פון די יאָהרן פון גלות מצרים, ביז עס וועט קומען צום חילוק צווישן שי"ן און צד"י. "וכמה הוא - רד"ו", און דאָס איז 210 יאָהר, "והיה כן", און אַזוי איז טאַקע געווען. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ישעיה סג, טז) די אידן זאָגן צו יצחק, "כי אתה אבינו, כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו", עכ"ל.

לויט דעם זאָגן די ספרים, אַ טעם פאַרוואָס מ'צוברעכט די מיטלסטע מצה, ווייל די מיטלסטע מצה איז דאָך אַנטקעגן יצחק אבינו ע"ה, און דעם גרעסערן טייל באַהאַלט מען פאַר'ן אפיקומן, ווייל יצחק האָט דאָך "אָפּגעבראָכן" פון זיין נאָמען כדי די אידן זאָלן אַרויסגיין פריהער ווי 400 יאָר, צו 210 יאָהר.

**כג.** ביי יעדן הייליגן טאָג, איז דער "שפיץ" פונעם טאָג, דער סוף, ווי למשל תפילת נעילה אין יום כיפור. אין "ליל שימורים", וואָס דער מהר"ל ז"ל שרייבט אַז יעדער איד איז דעמאָלטס ווי אין יום כיפור, זאָגן מיר ביים סוף פונעם סדר דעם פיוט "חד גדיא", ווייל פון דעם פיוט לערנען מיר, אַז אַלעס וואָס פאַסירט אויף דער וועלט, אויך ווען דער הונט עסט די קאַץ, אָדער ווען דער שטעקן שלאָגט דעם הונט - איז אַלעס מיט אַ חשבון פון דעם אויבערשטען, כדי צום סוף "ואתא הקדוש ברוך הוא"...

**כל דכפין ייתי ויכול - יעדע שטוב ווערט בקדושת ביהמ"ק, און יעדע איד ווערט בקדושת כהן גדול**

**דער** מהר"ל זצ"ל זאָגט, אַז מ'טוט אָהן אַ קיטל פסח ביינאַכט, ווייל יעדער איד איז פסח ביינאַכט ווי דער כהן גדול ווען ער טוט די עבודה "לפני ולפנים" אין יום כיפור.

**דער** "חתם סופר" זאָגט אין די דרשות (דרוש לשבה"ג, שנת תקסב) אויף דעם וואָס מיר זאָגן ביים אָנהויב סדר "כל דכפין ייתי ויכול". פרעגט דער "חתם סופר", פאַרוואָס רופט מען נישט אויס אין בית המדרש, איידער מ'גייט אַהיים פון שוהל פסח ביינאַכט, "כל דכפין ייתי ויכול", נאָר ערשט יעצט, ביים סדר, ווען די אָרימעלייט האָבן שוין מסתמא וואו צו עסן אין דער סדר נאַכט?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", אַז מ'קען טאַקע נישט אויסקלאַפּן אויף דער בימה אין בית המדרש און אויסרופן "כל דכפין ייתי ויכול", ווייל דאַן וועלן טאַקע קומען גאָר אַ סאַך מענטשן, און מיר האָבן דאָך נישט צוגעגרייט אינדערהיים פאַר אַזוי פיל מענטשן ביים סדר. נאָר וואָס דען, ווען מ'הייבט אָן זאָגן די הגדה פסח ביינאַכט, זאָגן די חז"ל (זוה"ק, מובא בהגדש"פ) אַז דער אויבערשטער קומט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה אין יעדן אידישן הויז, ווייל דער אויבערשטער זאָגט, איך וויל הערן ווי מיינע קינדער לויבן מיך היינט ביינאַכט, און דאָס גיט מיר דעם כח כביכול.

**דאַן** ווערט אַ אידישע שטוב, אין דער בחינה פון בית המקדש, וואָס די חז"ל זאָגן (אבות פ"ה, מ"ה) "מעולם לא אמר אדם לחבירו, צר לי המקום שאלין בירושלים", אַ איד האָט קיינמאָל נישט געזאָגט צו זיין פריינט, עס איז מיר ענג דאָס אָרט אין ירושלים צו נעכטיגן, און אין בית המקדש זענען די אידן געווען "עומדין צפופין, ומשתחוין רוחים" (אבות פ"ה, מ"ה). זיי זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט, אָבער זיי האָבן זיך געבוקט ברווחה, ווייל ס'איז געוואָרן אַ סאַך פלאַץ אין בית המקדש ווען די אידן זענען דאָרט געקומען. ממילא קענען מיר שוין זאָגן "כל דכפין ייתי ויכול", ווייל עס איז דאָ פלאַץ פאַר יעדן איינעם וואָס וויל עסן מיט אונז.

**איי**, וואָס איז מיט עסן? מ'האָט דאָך נישט צוגעגרייט גענוג עסן צו קענען זאָגן "כל דכפין ייתי ויכול"?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", אַז מיר געפינען ביים לחם הפנים, אַז עס איז אַריינגעקומען אין דעם די ברכה, "כהן שהגיעו כפול היה אוכל ושובע" (יומא לט.), אַפי' מען האָט נאָר געגעסן אַזוי ווייניג ווי אַ בונדל, איז מען שוין זייט געוואָרן, ווייל עס איז אַריינגעקומען אַ ברכה פון דעם אויבערשטען אין די מאכלים אין בית המקדש.

**אויך** געפינען מיר אַז אלישע הנביא האָט געזאָגט צו די שונמית, אַז זי זאָל אַוועקשטעלן דאָס פלעשל אויל, "אסוך שמן", נעבן די וואַנט, און עס וועט געשעהן אַ נס און ס'וועט קומען געגוג אויל. ממילא, ווען דער אויבערשטער קומט אַראָפּ מיט זיין פמליא של מעלה צו אונזער סדר, קען פּאַסירן אַ נס אַז עס זאָל זיין גענוג צו עסן אויך פאַר "כל דכפין ייתי וייכול".

**דער** ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט אויף די ווערטער פון בעל ההגדה "וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח", וויפיל דאַרף מען דערציילן וועגן יציאת מצרים, אַז עס זאָל זיין גענוג? זאָגט ער, מיר געפינען ביי שבת, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט פאַר משה רבינו ע"ה (שבת י:) "מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, לך והודיעם". איך האָב אַ גוטע מתנה באַהאַלטן אין מיינע אוצרות פאַר די אידן, און איר נאָמען איז שבת, לאָז וויסן פאַר די אידן וועגן די מתנה. די כוונה דערפון איז, אַז אַ איד גרייט זיך צו צום שבת, אין דער בחינה פון "לך והודיעם", שפירט ער אַן אמת'ן טעם אין שבת.

**דאָס** זעלבע איז מיט דער סדר נאַכט פון פסח, אַ מלאך און אַ שרף קענען נישט האָבן אַ השגה אין די גרויסע אורות וואָס קומען אַראָפּ אין דער סדר נאַכט פון פסח. דערפאַר "כל המרבה לספר", אַפילו מ'זאָל דערציילן אַ מיליאָן מאָהל וועגן די נסים, קען מען נישט האָבן אַ השגה וואָס מ'דערגרייכט דעמאָלס, און דאָס קומט פאָר יעדעס יאָהר אין דער סדר נאַכט פון פסח[כד].

---

**כד.** החסיד הישיש ר' משה בוים ז"ל פון בני ברק (זיין פאָטער האָט נאָך זוכה געווען אַז דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע איז געווען זיין סנדק, און ער אַליין, ר' משה, איז נאָך געווען ביי הרה"ק רבי יחיאל זצ"ל פון אלכסנדר, און שפעטער ביים "ישמח ישראל" זצ"ל) **האָט דערציילט**, אַז ער איז געווען עטליכע סדרים ביים "ישמח ישראל", וועלכער פלעגט באַפעלן אַלע יונגעלייט - אויך "שנה ראשונה" יונגעלייט - זיי זאָלן זיין ביי איהם ביים סדר.

האָט ר' משה דערציילט, אַז יעדעס יאָהר, אַריינקומענדיג צום סדר, איז דער "ישמח ישראל" געווען פול מיט התלהבות. ווען ער האט אויסגעשריגן: "ליל התקדש החג!" - האָט זיין פנים געפלאַמט ווי אַ "כבשן האש".

און ער פלעגט אויסרופן פאר די גאַנצע עולם די פאָלגענדע ווערטער:

- אַ איד וואָס גלייבט נישט אַז אין דער נאַכט קען אַ איד אַרויפגיין פונעם נידעריגסטן שאול תחתיות ביז צו דער העכסטער מדרגה, איז ער דער רשע וועמען דער בעל ההגדה מיינט מיט די ווערטער "ואחד רשע"!

**ונתנה תוקף קדושת הלילה - אין די נאַכט טוען אידן זיך דערהייבן צו גאָר הויכע מדריגות**

**מען** דאַרף וויסן אַז מ'קען אַרויסקומען פונעם נידעריגסטן מצב און דערגרייכן צו די העכסטע מדרגות אין דער סדר נאַכט, ווי די צדיקים האָבן געזאָגט, אַז כאָטש אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען זיך ערשט אָפּוואַשן פון די עבירות כדי זוכה צו זיין צו קדושה, אָבער אין דער סדר נאַכט ווערט מען הייליג נאָך פאַר'ן זיך אָפּוואַשן פון די עבירות. דערפאַר הייבן מיר אָן "קדש", און ערשט נאָכדעם זאָגט מען "ורחץ".

**וועט** דער מענטש פרעגן: ווי אַזוי קען ער זיך הייליגן, ער געפינט זיך דאָך אין אַזאַ נידעריגע מדרגה? איז דער תירוץ, "כרפס", די גרינצייג ליגט דאָך אויך באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער ערד, נאָר די בלעטער זענען פון אויבן, פונדעסטוועגן נעמט מען עס אַרויס פון באַגרעבעניש פסח ביינאַכט, און עס ווערט אַ חפצא של מצוה. עס איז עולה על שלחן מלכים אין די אידישע היימען. אזוי איז דאָס מרמז אַז יעדער איד קען זיך דאַן אויפהייבן פון טיפסטן גרוב וואו ער געפינט זיך, און זיך דערהייבן צו די העכסטע מדריגות[כה].

**דער** מהר"ל זאָגט (גבורות ה', פרק ס) אויף דעם וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה, "פסח על שום שפסח הקב"ה על בתי

**כה.** דער חיד"א זצ"ל האָט געהייסן דערציילן אַ מורא'דיגע מעשה יעדעס יאָר אין דער סדר נאַכט, ווי פאָלגענד:

אַ פרוי וואָס עס איז אַריין אין איר אַ דיבוק רח"ל איז געברענגט געוואָרן צום אריז"ל ער זאָל אַרויסנעמען פון איר דעם דיבוק. האָט דער אריז"ל געשיקט הגה"ק רבי חיים וויטאַל זצ"ל, ער זאָל טרעפן אַ תיקון פאַר דער נשמה פון דעם דיבוק. ווען רבי חיים וויטאַל איז געקומען צו די פרוי, האָט זי באַלד אויסגעדרייט איר פנים, זאָגענדיג אַז אַ רשע קען נישט קוקן אויפ'ן פנים פון אַ צדיק.

ווען רבי חיים וויטאַל האָט געפרעגט די נשמה ווי אַזוי זי האָט באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען אין די פרוי, האָט די נשמה געענטפערט, אַז זי האָט אַמאָהל גענומען צוויי שטיינער און עס געריבן איינער אויפ'ן צווייטן, כדי עס זאָל אַרויסקומען דערפון פייער. די שטיינער זענען אָבער אַראָפּגעפאַלן פון אירע הענט, וואָס האָט איר אַריינגעברענגט אין אַ גרויסן צאָרן, און זי האָט אויף זיך אַליין אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ קללה רח"ל אַז זי זאָל גיין צו אַלע רוחות. אין יענע מינוט האָט די פאַרוואָגעלטע נשמה באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין דער פרוי רח"ל.

אויף די פאַרוואונדערונג פון רבי חיים וויטאַל ז"ל פאַרוואָס די פרוי איז אַזוי ביטער געשטראָפט געוואָרן בלויז פאַר דעם וואָס זי איז איינמאָהל נכשל געוואָרן

בני ישראל במצרים". ביי מכת בכורות, האָט דער באַשעפער איבערגעהיפּט די אידישע הייזער, די אידישע בכורים זענען געבליבן לעבן און די מצרי'שע בכורים זענען אויסגעשטאָרבן.

**פרעגט** דער מהר"ל, ביי די מכה פון דם, ווען אַ איד האָט געטרינקען פון זעלבן גלאָז צוזאַמען מיט'ן מצרי, האָט דער איד געטרינקען וואַסער און דער מצרי האָט געטרינקען בלוט, איז עס דאָך געווען פונקט אַזאַ גרויסער נס ווי ביי די מכה פון מכת בכורות? דאָס זעלבע ביי מכת חושך, ווען אַ איד איז אַרומגעגאַנגען אין הויז און עס איז פאַר איהם געווען ליכטיג, און דער גוי האָט געטאַפּט אין דער פינצטער, איז דאָס דען אַ קלענערער נס ווי דאָס וואָס דער באַשעפער האָט איבערגעהיפּט איבער די אידישע הייזער?

**זאָגט** דער מהר"ל אַ מורא'דיג וואָרט. ביי אַלע אַנדערע מכות, צום ביישפּיל דם אָדער חושך, איז געווען

---

אין די עבירה פון כעס, האָט דער רוח פון די נשמה געענטפערט, אַז זיכער איז דאָס נישט געווען די סיבה פון איר שטראָף, נאָר דער שטן איז מקטרג בשעת הכעס רח"ל און דערפאַר האָט די נשמה באַוויזן זיך אָנצוטשעפּען אין דער פרוי. די הויפּט סיבה פאַר אירע יסורים איז אָבער דערפאַר ווייל זי איז נישט "תוכה כברה". אין דער נאַכט פון פסח, ווען אַלע אַרומיגע האָבן דערציילט און אויסגעהערט דעם סיפור יציאת מצרים, איז זי געווען מסופק אין דער אמונה, און פאַר דעם איז אויף איר נגזר געוואָרן אָט די האַרבע שטראָף רח"ל.

די פרוי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און גענומען זיך מתוודה זיין אויף די אפּיקורס'ישע געדאַנקען וואָס עגבערן אין איר מח. זי האָט געבעטן אַז זי וויל תשובה טוהן פון יעצט און ווייטער, און זיך דערנענטערן צום באַשעפער.

אין יענע מינוט האָט רבי חיים וויטאַל געפרעגט די פרוי, אויב זי גלייבט באמת אין סיפור יציאת מצרים. ווען זי האָט געענטפערט אַז יאָ, איז די נשמה פון דעם דיבוק באַלד אַרויס פון דער פרוי, און פון דאַן אָן האָט זי געהאַט מנוחה.

לויט ווי עס איז מבואר אויבן, קען מען פאַרשטיין בפשטות פאַרוואָס די פרוי איז אַזוי האַרב געשטראָפט געוואָרן, ווייל אין דער נאַכט פון פסח עפענט דער אויבערשטער די טויערן פון אמונה, און דער מענטש וואָס האָט שכל, באַקט איין אין זיין האַרץ די מדה פון אמונה און בטחון. אָבער דער וואָס לייקענט אינעם באַשעפער האָט אַ דאָפּעלטע עבירה, ערשטענס, מיט די עצם כפירה, און דאָס צווייטע, אַז ער לייקנט אין דער טובה פון דעם באַשעפער, און נוצט נישט אויס דעם שעת הכושר זיך צו שטאַרקן געהעריג אין די ריינע אמונה.

פשוט. דער באַשעפער האָט געשיקט אַ מלאך צו ברענגען די מכה אויף די מצריים, האָט ער געמאַכט אַז דער איד זאָל זיין העכער פונעם מלאך, דערפאַר האָט די מכה נישט געשאַדט פאַר'ן איד, און עס איז געבליבן וואַסער. אָבער מכת בכורות האָט דער אויבערשטער אַליין געמאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, יב) "ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה, והכיתי כל בכור בארץ מצרים". דער אויבערשטער אַליין איז אַריבערגעגאַנגען איבער די הייזער און געשלאָגן די מצריים, אויב אַזוי, ווי אַזוי זענען די אידן געראַטעוועט געוואָרן פון די מכה? זיי זענען דאָך נישט העכער און גרעסער פונעם באַשעפער כביכול?

מוז מען בעל כרחך זאָגן, אַז דער אויבערשטער האָט אויפגעהויבן די אידן צו זיך, און געמאַכט פון זיי אַ "חטיבה אחת", אַז יעדער איד זאָל ווערן אַ "שטיק גאט" כביכול! דערפאַר מאַכן מיר דעם זכר פון קרבן פסח "על שום שפסח הקב"ה על בתי בני ישראל במצרים".

מיר דאַרפן גלייבן, אַז אָט די פעולה ווערט אָפּגעטוהן יעדעס יאָהר, אויך אין די היינטיגע צייטן. אויך היינט, הויבט דער אויבערשטער אויף די אידן צו זיך.

**ונצעק אל ה' - די נאכט איז מסוגל צו געהאָלפן ווערן מיט אַלע ישועות**

מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די גרויסע השפעה וואָס קומט אַראָפּ אין די הייליגע נאַכט פון פסח, ווי מיר געפינען אין תרגום יונתן אויפ'ן פסוק (בראשית כז, א) ויהי כי זקן יצחק ותכהינה עיניו מראות - (און יצחק איז אַלט געוואָרן, און זיינע אויגן האָבן אויפגעהערט צו זעהן) וקרא ית עשו ברי' רבא בארביסר בניסן, ואמר ליה, ברי, הא ליליא דין עילאי משבחין למארי עלמא, ואוצרי טלין מתפתחין בי'[כו], ואמר לי',

**כו.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט וואָס עס זאָגט הרה"ק רבי לייבעלע איגר זצ"ל (ראה כעי"ז בס' "תורת אמת", שנת תרכ"ז, ליל ראשון), אַ טעם פאַרוואָס מען לייגט אַן איי אין די קערה, ווייל פסח ביינאַכט איז יעדער איד ווי אַ כהן גדול לפני ולפנים אין יום כיפור (ווי דער מהר"ל שרייבט (הגש"פ דברי נגידים, דף מא, ענין לבישת הקיטל) "וליל שימורים הוא כיום הכיפורים בזה הענין, וטעם שניהם נסתר"). די טבע פון אַן איי איז, אַז אויב מען לייגט עס אונטער אַ הינדל, ווערט געבוירן אַן אפרוח. אויב מען וועט עס נישט אונטערלייגן אונטער אַ הינדל, וועט עס בלייבן אַן איי. דאָס איז דער רמז פסח ביינאַכט ביים סדר, אַז מען דאַרף זעהן זיך "אָנצואוואַרימען", פונקט ווי אַן איי, בלייבט דאָס זעלבע איי, אויב מען וואַרימט עס נישט אָן.

שא נא[כז]. יצחק האט גערפון זיין זון עשו פסח ביינאַכט און איהם געזאגט, און די היינטיגע גרויסע נאכט טוען די מלאכים לויבן דעם באַשעפער פון דער וועלט, און עס עפענען זיך אַלע אוצרות פון שפע אין די הייליגע נאַכט[כח].

---

**כז.** די ספה"ק זאָגן, אַז יצחק האָט דאָ מרמז געווען פאַר עשו הרשע, אַפילו אַ רשע ווי דו, קען אויך געהאָלפן ווערן מיט אַ תיקון פסח ביינאַכט, נאָר דער "גולם" האָט געברענגט אַ הונט... ער האָט געזינדיגט אַפילו אין "ליל שימורים".

**כח.** דער "שפת אמת" זאָגט, אַז פסח ביינאַכט זענען אָפען אַלע טויערן פון ניסים.

מיר האָבן שוין דערציילט, אָבער ס'איז כדאי איבערצוזאָגן יעדעס יאָהר, כדי מ'זאָל געדענקען דעם גרויסן כח פון די הייליגע נאַכט פון פסח.

דער אַפטער רב זי"ע האָט אַמאָהל געזאָגט אין זיין דרשה שבת הגדול, אַז ווען מ'זאָגט די ברכה "אשר גאלנו וכו' גאל ישראל", און מ'גלייבט באמונה שלימה אַז דער אויבערשטער לייזט אויס דעם מענטש פון אַלע צרות, איז עס אָן ספק אַז מ'קען אַרויסגיין פון אַלע ענגשאַפטן, און זוכה זיין צו "גאל ישראל", אויסגעלייזט צו ווערן פון אַלע צרות.

עס איז ידוע די מעשה, וואָס דער "שרף" פון מאָגלניצא זי"ע ברענגט, וואָס עס האָט פאַסירט ביים הייליגן אַפטער רב, בעל "אוהב ישראל" זי"ע.

אין יענע צייטן, פלעגן אידן אויסשטיין צרות פון זייערע פריצים, ביי וועמען אידן פלעגן אַרויסדינגען די קרעטשמעס. האָט פאַסירט אַ מעשה מיט אַ קרעטשמער, וואָס האָט נישט געהאַט צו באַצאָהלן די אַרענדע פאַר דער קרעטשמע. האָט דער פריץ איהם גערופן צו זיך פאַר שבת הגדול, און איהם אָנגעוואָרענט, אַז אויב ער וועט נישט באַצאָהלן פאַר דער קרעטשמע, וועט ער באַשטראָפן איהם און זיין משפחה.

איז דער איד געפאָהרן צום אַפטער רב, אָבער מ'האָט איהם נישט אַריינגעלאָזט פאַר שבת צום אַפטער רב. האָט דער איד באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט אויף שבת. ער איז דאָרט געשלאָפן אויף אַ באַנק, און געגעסן ביים רבינ'ס טיש, טראַכטנדיג אַריינצוגיין מוצאי שבת זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר'ן רבי'ן.

פון דער דרשה וואָס דער אַפטער רב האָט געזאָגט שבת הגדול, איז אַ העלפט דערפון געווען אַ פלפול, און די צווייטע העלפט האָט דער אַפטער רב געזאָגט דברי אגדה און מוסר. צווישן אַנדערן, האָט דער אַפטער רב געזאָגט ווי פאָלגענד:

- אויב אַ איד שרייט אין דער נאַכט פון פסח, ביים זאָגן אין די הגדה "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו"... אויב ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט קינדער, און ער שרייט ביי "ונצעק", וועט דער אויבערשטער איהם גלייך העלפן מיט קינדער. אויב ער

דאַרף געהאָלפן ווערן מיט געזונט, און ער שרייט זיך אויס ביי "ונצעק", ווערט ער געהאָלפן! אויב אַ איד דאַרף געהאָלפן ווערן מיט פרנסה - "מזוני" - איז אויב ער וועט שרייען ביי דעם שטיקל פון "ונצעק", וועט ער געהאָלפן ווערן!

דאָ האָט דער אַפּטער רב צוגעלייגט:

- למשל, אויב אַ פּריץ וויל אַרויסוואַרפן דעם קרעטשמער ווייל ער האָט נישט צו באַצאָהלן פאַר די קרעטשמע, זאָל ער וויסן, אַז ביים שרייען "ונצעק", קען ער געהאָלפן ווערן!

מוצאי שבת, איז דער איד תיכף אַהיים געפאָהרן, אָן זיך צו געזעגענען פונעם אַפּטער רב, ווייל ער האָט דאָך שוין געהערט דעם ענטפער ביי די דרשה וואָס דער אַפּטער רב האָט געזאָגט שבת הגדול, אַז אויב מען שרייט זיך גוט אויס ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", ווערט מען געהאָלפן.

ווען דער קרעטשמער איז אַהיים געקומען, האָט זיין ווייב איהם געפרעגט וואָס דער רבי האָט געזאָגט, און דער מאַן האָט איר געענטפערט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט וועגן שרייען ביים זאָגן "ונצעק". זיי האָבן באַשלאָסן אַזוי צו טוהן.

ווען עס איז געקומען די נאַכט פון פּסח, ביים זאָגן די הגדה, האָט דער קרעטשמער מיט זיין ווייב זיך צעשריגן צום אייבערשטן ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו".

גלייך דערנאָך האָבן דער קרעטשמער און זיין ווייב געהערט קלאַפּן. אַ שיכור'ער גוי האָט געקלאַפּט אויף די טיר, און דערציילט פאַר דעם אידישן קרעטשמער, אַז ער האָט זיך צוקריגט מיט זיין פרוי און ער האָט איר גע'הרג'עט... ער מוז דריבער זאָפאָרט אַנטלויפן פון דאָ. ער האָט ביי זיך צוויי פעסער מיט גאָלדענע רענדלעך, וואָס איז געוועזן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און ער וויל עס דאָ איבערלאָזן, ווייל פאַר די גוים קען ער דאָך נישט געטרויען צו באַהאַלטן ביי זיי דאָס געלט. דערפאַר בעט ער איהם, ער זאָל זיין פאַר איהם אַ שומר אויפ'ן געלט. אַלס שומר שכר, שענקט ער איהם אַוועק איין פאַס מיט גאָלדענע רענדלעך, און דעם צווייטן זאָל ער האַלטן פאַר איהם, דעם גוי, ווען ער וועט צוריקקומען אַהער...

באַלד נאָך די ערשטע טעג יום טוב, איז דער קרעטשמער געגאַנגען צום פּריץ באַצאָהלן דעם חוב פון די קרעטשמע, און עס איז איהם נאָך איבערגעבליבן אין זיין אייגענעם פאַס, גאָר אַ גרויסער סכום געלט. ער האָט זיך געלאָזט אויפנייען נייע קליידער, געקויפט אַ נייעם פערד און וואָגן, און איז אַריבערגעפאָרן צום אַפּטער רב.

אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער משמש איהם - זעלבסט פאַרשטענדליך - נישט דערקענט. זעהענדיג פאַר זיך אַ רייכן איד, האָט ער איהם באַלד אַריינגעלאָזט צום אַפּטער רב... אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער קרעטשמער אַראָפּגעלייגט

אַ שיינעם סכום געלט אויפ'ן טיש, זאָגענדיג, אַז ער וויל באַצאָהלן דעם רבי'ן פאַר דעם "מופת" וואָס ער האָט איהם געפּראַוועט דעם יום טוב פסח. האָט דער אַפּטער רב געזאָגט:

- עס איז נישט מיין "מופת", נאָר דיינע געשרייען ביי "ונצעק" האָבן אויסגע'פּועל'ט די ישועה...

עס האָט אונז דערציילט דער לאַסקער רב, הרה"ג רבי משה מייזליש שליט"א, וועלכער איז אַ שוואָגער פון הגה"צ אבד"ק קראַסנא שליט"א, און ער ווילט יעדן זומער אין קראַסנער קעמפּ אין ניו יאָרק. אינעם קעמפּ האָט זיך געפונען אַ בחור מיטן נאָמען מאָניש, וואָס איז שוין געווען 28 יאָהר אַלט, און עס איז איהם זייערשוועער געגאַנגען מיט אַ שידוך. אויך האָט ער שוין געהאַט אַ ברודער פון 26 יאָהר, און אויך ער האָט זיך געפּלאָגט צו געפינען אַ פּאַסיגן שידוך.

דערציילט מיר דער לאַסקער רב, אַז איינמאָהל ווען ער איז אָנגעקומען אין קעמפּ אָנהויב זומער, זאָגט איהם זיין שוואָגער, דער קראַסנער רב: "מאָניש איז אַ חתן געוואָרן!", און ער האָט געהייסן פאר מאָניש ער זאל דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם יום טוב פסח ביינאַכט, ביים סדר.

האָט מאָניש דערציילט, אַז אין דער נאַכט פון פסח, זיצענדיג ביים טאַטן'ס סדר, וואו אַלע קינדער זענען געקומען, די ברידער און די שוואָגערס, די שוועסטערס און די שוועגערינס, יעדער זיצט ביים טיש. דער בחור האָט געהאַט אַ הגדה של פסח מיט עברי-טייטש, און ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", איז געווען באַשריבן באריכות די באַקאַנטע מעשה מיט'ן מופת וואָס דער אַפּטער רב, הרה"ק בעל אוהב ישראל זי"ע האָט אויסגע'פּועל'ט פאַר אַ פּשוט'ן קרעטשמער, דורך שרייען ביי "ונצעק".

האָט מאָניש דערציילט:

- לייענענדיג די מעשה אין מיין הגדה, האָב איך געבעטן יעדער איינער אין מיין פאָטער'ס הויז, מ'זאָל זיין שטיל, און איך האָב אויסגעשריגן: "איך קען שוין נישט אויסהאַלטן! איך מוז אַ חתן ווערן! אַלזאָ, יעדער זאָל שרייען ביים זאָגן 'ונצעק'!".

- מיין מוטער האָט מיך פּראָבירט באַרואיגן, 'איך רעד דאָך מיט שדכנים, מ'טוט אין דעם עניין...'. אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט, נאָר אַז אַלע וואָס זיצן דאָ ביים טיש, זאָלן זיך נעמען שרייען 'ונצעק - מאָניש מוז אַ ווערן אַ חתן!'. אַלזאָ, יעדער האָט זיך גענומען שרייען 'ונצעק - מאָניש קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז ווערן אַ חתן!".

- ווען מ'האָט געוואָלט זאָגן ווייטער די הגדה, האָב איך געזאָגט: 'ניין, וואָס וועט זיין מיט יאַנקעל?! ער איז טאַקע יונגער פון מיר, אָבער ער איז מוז דאָך אויך אַ

חתן ווערן!... אַלזאָ, יעדער זאָל שרייען: 'יאַנקעל קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז אַ חתן ווערן!'. נו, האָבן אַלע טאַקע געשריגן 'ונצעק', אויך אַז יאַנקעל זאָל ווערן אַ חתן...

דערציילט אונז דער לאַסקער רב, אַז אין דריטן טאָג חול המועד האָט מען גערעדט שידוכים פאַר ביידע ברידער, און די שידוך זענען געגאַנגען פיין, דער איינציגער "פראָבלעם" איז געווען, אַז מ'האָט מורא געהאַט צו ענדיגן ביידע שידוכים אין איין טאָג, צוליב עין הרע (כ'ווייס נישט ווער עס גיט פאַר אַזעלכע מענטשן אַן "עין הרע"...), און ווען מ'האָט געפרעגט דעם וויזשניצער רבי'ן זצ"ל פון מאָנסי, האָט ער געהייסן ענדיגן די שידוכים אין צוויי אַנדערע טעג. ביידע ברידער זענען געוואָרן חתנים חול המועד פסח - דער 28 יאָריגער בחור, און דער 26 יאָריגער בחור! און ביידע ברידער פירן ב"ה היינט שיינע שטיבער.

[מיר האָבן ערשט לעצטענס געהערט אַ נייע וויכטיגע הוספה אויף די אויבן דערמאנטע מעשה, וואָס עס דערציילט דער לאַסקער רב שליט"א:

די בחור מאָניש, איז געוואָרן אַן איידים ביי אַ איד אין לעיקוואוד, וועלכער האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, וואָס איז שוין לאַנג געווען "אין די יאָהרן", אָבער עס איז געגאַנגען זייער שווער מיט אַ שידוך. דעם ערשטן פסח ביינאַכט, נאָך די חתונה, האָט מאניש דערציילט ביים שווער אין שטוב, די מעשה וואָס ער אַליין האָט געהאַט אַ יאָהר פריהער ביים שרייען "ונצעק", און ווי ער און זיין ברודער, יאַנקעל, זענען אַריין בברית האירוסין חול המועד. דעריבער, איז זיין עצה - האָט מאַניש געזאָגט - אַז אויך יעצט זאָל מען טוהן דאָס זעלבע, מ'זאָל שרייען ביי "ונצעק", כדי זיין שוועגערין זאָל ווערן אַ כלה אין אַ מזל'דיגע שעה.

האָט די שוויגער, די מוטער פון דאָס עלטערע מיידל, זיך "אונטערגעשמייכעלט", ווי איינער זאָגט, "ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט"... אָבער מאניש האָט נישט מוותר געווען, און אויך זיין פרוי, האָט געזאָגט אַז זי וויל שרייען ביי "ונצעק", כדי איר שוועסטער זאָל ווערן אַ כלה... אויך דאָס מיידל האָט געזאָגט אַז זי וועט שרייען ביי "ונצעק"... זיי האָבן אַזוי געטוהן, אַלע האָבן געשריגן ביי "ונצעק", און דאָס מיידל איז בשעה טובה געוואָרן אַ כלה ביז אַ קורצע צייט.]

דער גאון רבי ברוך בער זצ"ל פון קאַמעניץ, ברענגט אין נאָמען פון קאַמעניצער מגיד זצ"ל, אויף די ווערטער פון מגיד אין די הגדה, "אחד חכם, ואחד רשע". פאַרוואָס ווערט ער נישט אָהנגערופן "צדיק", נאָר "חכם"? ענטפערט ער, אַז איינער וואָס פרעגט קשיות פסח ביינאַכט, איז שוין נישט אַ "צדיק"... ער איז אפשר אַ "חכם", אָבער נישט אַ "צדיק".

אַזוי שטייט אויך אין פרקי דרבי אליעזר (פרק ל"א) אַז אין דער סדר נאַכט ווערן געעפענט אַלע טויערן פון שפע, ווייל אַלע ניסים זענען פאָרגעקומען אין די נאַכט פון פסח. אברהם אבינו ע"ה האָט באַזיגט די פיר מלכים אין די פופצענטע נאַכט פון חודש ניסן, און אַזוי אויך האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן די נאַכט, צו יעקב אבינו ע"ה אין חלום ווען ער האָט זיך געפונען אין לבן'ס הויז. די אַרמיי פון סנחריב איז אויסגעשטאָרבן אין דער סדר נאַכט, און אַ סאַך אַנדערע ניסים, ווי מיר זאָגן אין דעם פיוט "ויהי בחצי הלילה"[כט].

---

**כט.** שבת הגדול שנת תקצ"ח לפ"ק, האָט הגה"צ רבי אלי' גוטמאַכער זצ"ל, וועלכער איז באַקאַנט אַלס "דער גריידיצער צדיק", גע'דרש'ענט פאַר'ן ציבור וועגן דער גרויסער קדושה פון דער סדר נאַכט. ער האָט די זעלבע דרשה איבערגע'חזר'ט פיהר יאָהר שפעטער, שבת הגדול שנת תר"ב לפ"ק, און יענעם מוצאי שבת, האָט ער עס פאַרשריבן אויף פאַפיר, און באַפוילן אויסצוטיילן עס צווישן דעם עולם.

דער גריידיצער איז מאריך אין זיין דרשה וועגן דעם גרויסן כח פון דער הייליגער סדר נאַכט צו פועל'ן ניסים פאַר אידישער קינדער. דער גריידיצער צדיק פרעגט אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט אַז מרדכי האָט געפאַסט דעם 14'טן, 15'טן און 16'טן טאָג פון חודש ניסן. איז שווער, די גזירה איז דאָך געווען ערשט אויף עלף חדשים שפעטער, 13 טעג אין חודש אדר. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי שוין יעצט גוזר תענית געווען בטל צו מאַכן די מצוות הלילה, פאַרשטערענדיג דעם יום טוב ביי אידן, אַ זאַך וואָס איז נישט געווען לצורך השעה? ער האָט דאָך געקענט אויסרופן אַ תענית אויף נאָך פסח?

אויך איז שווער, דער גזר דין פון מענטש ווערט באַשטימט אין הימל ראש השנה און יום כיפור, איז דאָך דעמאָלס דער זמן וואָס איז מסוגל מתפלל צו זיין צום אויבערשטען, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי באַשטימט דעם תענית אויף דעם יום טוב פסח?

האָט דער גריידיצער געענטפערט, עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס איז פאַרשפאַרט אין אַ געביידע וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ הויכע פעסטע מויער, וואָס מ'קען דאָרט נישט אַריבערקריכן און אַרויסגיין פון דאָרט. עס איז נישטאָ קיין וועג אַרויס פון דאָרט, נאָר אויב עס איז דאָ אַ לאָך אין דעם מויער, און דער געפאַנגענער וועט מיט אַ האַק אַרומהאַקן דעם לאָך עס אויסצוברייטערן, און צוברעכן די מויער.

דער נמשל איז: מרדכי הצדיק האָט געוואוסט אַז די גזירה איז פאַרזיגעלט געוואָרן מיט'ן זיגל פון מלך מלכי המלכים הקב"ה כביכול, נישט אַז דער מלך טיפש

אחשוורוש האָט גוזר געווען להשמיד ולהרוג ולאבד ח"ו, נאָר די גזירה קומט פונעם באַשעפער, און מיר ווייסן דאָך אַז אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ה'. קיין תפלות ותחנונים וועלן נישט פועל'ן בטל צו מאַכן די גזירה.

מרדכי האָט אָבער געטראָפן אַ "לעכל" אין דעם מויער פון די גזירה, די איינציגע צייט ווען מ'קען אויפברעכן אַלע טויערן איז די נאַכט פון פסח, ווען אידן רעכטן אָפּ דעם סדר, און וואָס איז משנים קדמוניות באַשטימט געוואָרן אַלס אַ זמן פון ישועות פאַר אידישע קינדער. אברהם אבינו ע"ה האָט שוין מלחמה געהאַלטן מיט די פיר קעניגן אין דער פופצענטער נאַכט פון חודש ניסן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יד, טו) "ויחלק עליהם לילה", זאָגט רש"י: ומדרש אגדה, שנחלק הלילה, ובחציו הראשון נעשה לו נס וחציו השני נשמר ובא לו לחצות לילה של מצרים. זינט יענע צייט, איז די נאַכט באַשטימט אַלס אַ "ליל שימורים לדורותם". וועגן דעם האָט מרדכי גוזר תענית געווען דווקא אויף די סדר נאַכט פון פסח, ווייל די נאַכט איז מסוגל צו שפּאַלטן די אייזערנע מויער, און בררייטער מאַכן דעם "לאָך" אין דעם מויער פון מדת הדין ח"ו, און אַפילו אַ גזר דין אויף וועלכן ס'איז געווען אַ שבועה ח"ו אין הימל, קען אויך בטל ווערן מיט'ן כח הקדושה פון סדר ליל פסח.

מיט דעם האָט דער גריידיצער צדיק אויך געטייטשט דעם פסוק (ישעי' מ"ט, ח') "כה אמר ה', בעת רצון עניתיך וביום ישועה עזרתיך". דער עת רצון איז אין יום כיפור, וואָס דעמאָלס "עניתיך", פון לשון עינוים, וואָס איך האָב גוזר געווען מען זאָל זיך פייניגן מיט די פינף עינוים, "וביום ישועה", דאָס מיינט מען די סדר נאַכט פון פסח, דעמאָלס "עזרתיך", דער אויבערשטער העלפט אין דער סדר נאַכט מכל צרה וצוקה.

ער ברענגט אַ משל דערויף: אַ מענטש בעט ביי זיין חבר אַ הלוואה, אָבער דער חבר האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף זיך. איז דער חבר געגאַנגען צו אַן אַנדערער מענטש, און ביי איהם געבעטן ער זאָל באָרגן געלט פאַר זיין חבר, און ער וועט האַפטן פאַר איהם. דאָס זעלבע אַז אַ איד נויטיגט זיך אין אַ ישועה און ער בעט אויף דעם פסח ביינאַכט, איז אויך אויב עס איז שווער איהם צו העלפן, וועט מען פאַר איהם ממציא זיין פון הימל אַ גרויסע ישועה פון אַן אַנדער אָרט, ווייל די נאַכט פון פסח איז בכח איהם צו העלפן פון זיין צרה. עס איז ווי אַ קוואַל וואָס מען האָט שוין דאָרט אַמאָהל געגראָבן און עס איז אַרויסגעקומען וואַסער, קען מען יעצט לייכט גראָבן און געפינען אַ קוואַל מיט לעבעדיג וואַסער. דאָס זעלבע אין דער נאַכט וואָס עס זענען געשעהן ניסים מיט אונזערע עלטערן, איז קרובה ישועה לבא.

**עס** שטייט אין מדרש (פנים אחרים, נוסח ב', פרק ו'), "אלקיה של אומה זו עסוק הוא להיות עושה להם ניסים בלילה הזאת", דער אויבערשטער איז פארנומען צו טוהן ניסים מיט אידישע קינדער אין דער נאכט פון פסח.

**דער** "פרישה" ברענגט אבער א טעם, אין נאמען פון רבי עמרם גאון (סדר רבי עמרם ת"ב סי' עט), "משום דיום ישועה הוא, ועדיף מנס". פסח איז א טאג פון ישועות, און ישועות זענען גרעסער ווי נסים!

**דער** טור פרעגט (או"ח סי' תע"ג) פארוואס מאכט מען נישט פסח ביי נאכט די ברכה "שעשה נסים לאבותינו, בימים ההם בזמן הזה"? און דער טור ענטפערט, אז מ'זאגט עס אינעם סדר ההגדה (מ'דערמאנט ביים סדר וועגן די נסים וואס האבן פאסירט מיט אונזערע עלטערן אין מצרים).

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע טייטשט (נועם אלימלך, פ' ראה) דעם פסוק (תהלים קמה, ז) "זכר רב טובך יביעו". ווען מ'דערמאנט "רב טובך" פון דעם אויבערשטען, "יביעו" - זענען זיי משפיע די נסים און ישועות, אזוי ווי א "מעין הנובע", א קוואל וואס לויפט.

---

און דער גרייזיצער צדיק פיהרט אויס דעם בריוו: אויב א מענטש איז חלילה געבוירן געווארן מיט א שלעכטן מזל רח"ל, צו עס איז בנוגע בני, בנוגע חיי, אדער בנוגע מזוני, קען ער משנה זיין דעם מזל צום גוטן אין דער הייליגער סדר נאכט.

**ל.** אזוי טייטשן די ספרים דעם פסוק (שמות טו, ב) "עזי וזמרת קה ויהי לי לישועה", ווען מ'דאנקט דעם אויבערשטען פאר די נסים, איז מען אויך ווייטער זוכה צו די ישועה.

איינער פון די מיטלערנער ביי אונזער שיעור אין בית שמש, האט מיר דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט פסח ביינאכט שנת תשע"ז. ער איז געזעסן מיט זיין שוואגער, אויך א חשוב'ער יונגערמאן, וועמענס זוהן, אהרן'לע, איז געבוירן געווארן מיט אן אויסגעריסענע ליפ רח"ל ביז די נאז, און מ'האט איהם אפערירט ביים געבורט, אבער ער איז געבליבן מיט א חסרון ל"ע, אז ער האט נישט געקענט ארויסרעדן פון מויל אפילו די ווערטער "טאטע" אדער "מאמע". אלעס וואס מ'האט געהערט פון איהם, איז געווען א קול פון א בעל חי רח"ל.

זיצנדיג ביים סדר, האט דער יונגערמאן (וואס האט עס אונז דערציילט) נאכגעזאגט די ווערטער פונעם "בית אהרן", וואס ער זאגט, "כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך

**כי יאמרו אליכם בניכם - האלטן די השפעות אויף שפעטער**

**מ'דאַרף** אָבער זעהן אַז די גרויסע מדריגות צו וועלכע מ'איז זוכה פסח ביינאַכט, זאָלן אָנהאַלטן אויף שפעטער, ווי דער "חפץ חיים" זצ"ל שרייבט, "שמעתי ממגיד אחד", אויף דעם פסוק (תהלים צב, יא) "שתולים בבית ה' בחצרות אלקינו יפריחו". ווען אַ איד איז אינעווייניג, "בבית ה'", איז ער איינגעפלאַנצט אין די קדושה ("שתולים"), אָבער ווען ער גייט אַרויס אין חצר ("בחצרות אלקינו"), דאַן פליהען אַוועק אַלע מדרגות ("יפריחו") צו וועלכע ער האָט זוכה געווען בבית ה'.

---

ייתי ויפסח", יעדער וואָס נויטיגט זיך אין אַ ישועה, "ייתי ויפסח" - "פה סח", זאָל ער זיך "אויסרעדן" פאַר'ן אויבערשטען. נאָכ'ן סדר, האָט דער שוואָגער (דער פאָטער פון אהרן'לע), געזאָגט פאַר זיין רעביצין, "לאָמיר נעמען אַ תהלים" און זאָגן... זיי האָבן אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים מיט אַ צובראָכן האַרץ.

צומאָרגנס, יום טוב אינדערפריה, האָט דאָס קינד אָהנגעהויבן רעדן כאחד האדם... דער יונגערמאַן האָט אונז געשריבן: "נראה כאילו מתנקם על התענית דיבור שערך זה כמה שנים"... עס האָט אויסגעזעהן ווי ער נעמט "נקמה" פאַר דעם וואָס ער האָט נישט גערעדט עטליכע יאָהר...

דער יונגערמאַן האָט אונז אויך אָהנגעוויזן אויפ'ן פסוק (איכה ב, ז) "קול נתנו בבית ה' כיום מועד", זאָגט דער תרגום יונתן: "קלא יהבו בבית מקדשא דה' בקל עמא בית ישראל דמצליין בגויה ביומא דפסחא", זיי האָבן געמאַכט קולות אין דעם אויבערשטען'ס בית המקדש, אַזוי ווי דער קול וואָס אידישע קינדער מאַכן ווען זיי דאַווענען אין בית המקדש אין דעם טאָג פון פסח. זעהט מען פון דעם, אַז פסח איז אַלעס צוגעגאַנגען מיט "קולות"...

הרה"ק בעל "ישועות משה" זי"ע מוויזשניץ, האָט געזאָגט, פסח גייט אַלעס מיט "פייער", "בודקין את החמץ לאור הנר", "שריפת חמץ", דער קרבן פסח דאַרף זיין "צלי אש", מ'באַקט מצות... ווייל פסח איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי "קאַלטקייט"...

# שביעי של פסח

**ויאמינו בה' - יעדע זאַך ווערט געפירט מיט זיין פינקטליכע השגחה פון אויבן**

דער הייליגער יום טוב שביעי של פסח, איז מסוגל זיך איינצוקויפן אמונה אין הייליגן באַשעפער, ווי הרה"ק רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, ברענגט אין ספה"ק "מנחם ציון" (סעודת ליל ח', אחרון של פסח) אַז ער האָט געהערט פון אַ גדול, איינער פון די תלמידים פון זיין הייליגן רבי'ן, דער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, אַז ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי'ן ר' אלימלך, אַז די צייט מסוגל פאַר אמונה שלימה, איז שביעי של פסח ביינאַכט, און דער מענטש זאָל זיך דעמאָלטס שטאַרקן זיך מקשר צו זיין מיט זיינע געדאַנקען אין די הייליגע צדיקים. פאַר דעם איז דער טאָג פון שביעי של פסח גאָר שטאַרק מסוגל, ווייל אויף דעם טאָג שטייט (שמות יד, לא) "ויאמינו בה' ובמשה עבדו". די אמונה פון די אידן איז נשלם געוואָרן דורך זייער אמונה אין משה רבינו ע"ה.

שרייבט ער ווייטער, אַז אויך דער מענטש וואָס איז אַלע זיינע יאָהרן מקיים מצוות און מעשים טובים, דאַרף האָבן אַ "קליין שטריקל" אין וועלכן זיך אָהנצוהענגען אין אַ גרויסן בוים, אַז ער זאָל נישט פאַלן פון זיין מדריגה. און יעדער "בעל נפש" דאַרף חושש זיין אַז ער זאָל נישט פאַלן ח"ו פון זיין מדריגה. און ער זאָל זיך באַמיהען זיך אָנהנצוקניפן אין דעם קליינעם "שטריקל", כדי ער זאָל נישט פאַלן פון זיין מדריגה.

דאָס קליינע "שטריקל" איז אמונה, און אויף דעם האָט דוד המלך ע"ה געבעדהטן שוין פון זיין יוגענט (תהלים ל, ז) "ואני אמרתי בשלוי בל אמוט לעולם", אַז פון ווען ער איז אויפגעוואַקסן ביז זיינע עלטערע יאָהרן, איז ער נישט געזעסן רואיג, און ער האָט זייער מורא געהאַט אַז ער זאָל נישט צוריקפאַלן פון זיין מדריגה. ווענן דעם דאַרף מען זעהן זיך אָהנצוהאַלטן אין דעם גרויסן בוים פון אמונה, אַפילו מיט אַ "קליין שטריקל", אַז מ'זאָל קענען אַרויפגיין אין די וועגן פון קדושה. קומט אויס, אַז אמונה איז די כלי צו קענען אָהנהאַלטן אַלע מדריגות אין עבודת ה'.

די אמונה פון אידישע קינדער אין טאָג פון שביעי של פסח, איז געווען גרעסער ווי זייער אמונה ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווי דער ר"ן שרייבט (דרשות הר"ן, דרוש יא) אַז ווען די אידן זענען געווען אין מצרים, האָבן זיי נאָך געהאַט ספקות, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַפוילן אויסצונאַרן פרעה'ן דורך זאָגן איהם אַז מ'גייט אַרויס פון מצרים נאָר אויף דריי טעג. נאָך מכת

בכורות, ווען פרעה האָט שוין מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם לעבן, וואָלט ער דאָך זיי אַרויסגעשיקט אינגאַנצן פון מצרים?

**אויך** פרעגט ער, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אָפּנאַרן די מצריים, צו "באָרגן" פון זיי גאָלדענע און זילבערנע כלים? נאָך די ביטערע מכות וואָס די מצריים האָבן געכאַפּט, האָבן די אידן שוין געקענט פאַרלאַנגען אַז די מצריים זאָלן זיי "אַוועקגעבן" די כלים.

**זאָגט** דער ר"ן, אַז ווען די אידן זענען אָהנגעקומען צום ים סוף, און זיי האָבן געזען אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן און די אידן זענען דאָרט געגאַנגען "בתוך הים ביבשה", און די מצריים זענען זיי נאָכגעלאָפן און זענען דערטרינקען געוואָרן, האָבן די אידן פאַרשטאַנען אַז אַלעס איז געווען פון הימל, כדי אַריינצונאַרן די מצריים אין ים אַריין. אויב מ'וואָלט נישט "איבערגעקליגט" פרעה'ן, און ער וואָלט אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים צוליב מורא פאַר די מכות וכדומה, וואָלט ער נישט געוואַגט נאָכצולויפן נאָך די אידן נאָך דריי טעג. אויך וואָלט ער נישט געהאַט אַ סיבה נאָכצולויפן די אידן, אויב ער אַליין האָט זיי אַרויסגעשיקט פריי פון מצרים. נאָר וויבאַלד מ'האָט אים געזאָגט אַז די אידן זענען אַנטלאָפן, "כי ברח העם" (שמות יד, ה), איז ער זיי נאָכגעלאָפן.

**יענעם** טאָג האָבן די אידן טאַקע באמת געגלייבט אַז אַלעס ווערט געפירט מיט אַ חשבון פון דעם אויבערשטען, און אויך דאָס וואָס זעהט אויס ווי אַ "קשיא", איז מיט אַ וואונדערליכן חשבון פון הימל, און דאַן האָבן זיך אָפּגעטוהן פון זייערע הערצער, אַלע סאָרטן ספיקות אין אמונה, ע"כ.

**דער** גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זי"ע זאָגט (״נפש החיים״, שער א, סוף פ״ט, דרשות מהר״ח שה״ש א ט, ועי׳ ״נועם אלימלך״, ליקוטי שושנה, ד״ה ״לסוסתי״) אויפ'ן פסוק (שמות יד, טו) "מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו", אַז עס ווענדט זיך אין די אידן. אויב זיי וועלן האָבן די אמת'ע אמונה און בטחון, און זיי וועלן זיך אַריינציהען אין ים אָהן קיין מורא, וועלן זיי גורם זיין דערמיט אַ התעוררות אין הימל, אַז עס זאָלן באמת פאַסירן מיט זיי נסים, און דער ים זאָל זיך שפּאַלטן פאַר זיי.

**מיט** דעם טייטשט רבי חיים וואלאזשינער דעם פסוק (שה״ש א, ט) "לסוסתי ברכבי פרעה, דמיתיך רעיתי", פונקט ווי ביי די פערד פון פרעה, איז עס געווען פאַרקערט ווי עס איז סדר פון די וועלט, אַז דער רייטער פיהרט דעם פערד, אָבער ביי פרעה און זיין מיליטער, האָט דער פערד געפיהרט דעם רייטער. אַזוי פיהרט זיך אויך דער אויבערשטער כביכול, אַז כאָטש ער איז דער "רוכב ערבות", אָבער ער לאָזט צו, אַז אידישע קינדער זאָלן

איהם "פיהרן" כביכול, דורך זייערע מעשים טובים, עכ"ד.

**יעדע** מינוט וואָס אַ איד גלייבט אינעם באַשעפער, איז חשוב און באַליבט ביי דעם אויבערשטען, ווי עס שרייבט דער "אבן עזרא" (פירוש הארוך) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יד, ד) "וידעו מצרים כי אני ה'", און די מצריים וועלן וויסן אַז איך בין דער באַשעפער פון דער וועלט. דאַרף מען פאַרשטיין, די מצריים האָבן דאָך נאָך געהאַט צו לעבן נאָר געציילטע מינוטן איידער זיי ווערן דערטרינקען אין ים, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "וידעו מצרים כי אני ה'", און די מצריים זאָלן וויסן אַז איך בין דער באַשעפער?

**ענטפערט** דער "אבן עזרא", אַז דער פסוק רעדט סיי וועגן די מצריים וואָס זענען איבערגעבליבן אין מצרים, סיי וועגן די מצריים וואָס זענען טאַקע דערטרינקען געוואָרן אין ים, אַז אויך אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן איידער זיי וועלן האָבן אַ מפלה, זאָלן זיי אויך וויסן אַז דער אויבערשטער פיהרט די גאַנצע וועלט!

**פון** דעם זעהען מיר אויך, ווי ווייט דער אויבערשטער ב"ה האָט משדד געווען אַלע "מערכות" פון הימל און ערד, נאָר כדי אַריינצוגעבן אמונה אין די הערצער פון די מצריים, וואָס האָבן געליקענט אין דעם אויבערשטען, אַפילו אויף איין מינוט!

**ויושע ה' ביום ההוא - די טאָג איז שוין אָנגעגרייט פון פריעהר פאַר גרויסע ניסים**

**יעדעס** יאָהר שביעי של פסח, ווערט נתעורר דער ענין פון קריעת ים סוף פאַר אידישע קינדער, און די גרויסע רחמים וואָס זענען נתעורר געוואָרן אויף אידן בשעת דעם נס פון קריעת ים סוף, ווערן נתעורר אויך היינטיגע צייטן, יעדן שביעי של פסח.

**אַזוי** שרייבט הרה"ק רבי הערשעלע מזידיטשויב זי"ע, אין ספה"ק "עטרת צבי": ווייל דעמאָלטס ביים נס פון קריעת ים סוף, איז געעפענט געוואָרן די ישועה פאַר אַלע שפּעטערדיגע דורות, סיי פאַר'ן רבים, סיי פאַר'ן יחיד. סיי בכלל, און סיי בפרט. ביי יעדן איינעם, אויך אויב עס וועלן ח"ו פאַרשטאָפּט און פאַרמאַכט ווערן פאַר איהם די טויערן פון די השפעה פון פרנסה, אָדער פון אַ זיווג ח"ו (ווי די גמרא זאָגט (פסחים קיח.) אַז פרנסה איז שווער אַזוי ווי קריעת ים סוף), זאָל ער בעהטן אויף דעם ביים עת רצון וואָס ווערט געעפענט אין דער צייט פון קריעת ים סוף... פונקט ווי עס איז דעמאָלס געעפענט געוואָרן (ווען דער ים סוף האָט זיך געשפּאָלטן), און ער וועט העלפן אַלע די אידן וואָס שרייען צו איהם[לא].

---

**לא.** הרה"ק רבי שלום בער זצ"ל פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָהל שביעי של פסח געזאָגט צו זיין זוהן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זצ"ל:

לויט דעם, פאַרשטייט מען פאַרוואָס שביעי של פסח איז אַ יום טוב וואָס איז אסור בעשיית מלאכה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, טו) "וביום הראשון מקרא קודש, וביום השביעי מקרא קודש" וגו'. לכאורה, וואָס פאַר אַ מעלה האָט דער טאָג מער ווי די אַנדערע טעג יום טוב? בשעת דעם ציווי, זענען דאָך די אידן נאָך געווען אין מצרים, און דער ים האָט זיך נאָך נישט געהאַט געשפּאָלטן פאַר זיי?

מוז מען זאָגן, אַז דער "עיצומו של יום" פון שביעי של פסח, איז שוין געווען צוגעגרייט פון פריהער פאַר די ישועה פון אידישע קינדער, און וועגן דעם איז עס באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום טוב ווען מ'טאָהר נישט טוהן אַ מלאכה.

אַזוי טייטשט דער "קדושת לוי" (פ' בשלח), דעם פסוק (שמות יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא", עס זענען דאָ טעג וואָס דער אויבערשטער איז משפיע פון זיין גוטס אויף אידישע קינדער, און ער דעקט אויף זיין ליבשאַפט צו זיי, און דער טאָג וואָס איז די מערסטע מסוגל פאַר דעם, איז דער טאָג פון פסח, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, "ביום ההוא", עכל"ק.

---

- אויב דו וואָלסט געהערט אַז עטליכע מייל פון דאָ זענען די וואַסערן פונעם ים געשפּאָלטן געוואָרן, וואָלסטו זיך געאיילט צו גיין אַהין, כדי צו זען די גרויסע מראה? און אויב דו וואָלסט געהערט אַז אין אַ גאָר נאָענטן אָרט פון דאָ האָט זיך דער ים געשפּאָלטן, וואָלסטו געגאַנגען זעהן דעם נס?

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער זוהן, הרה"ק הריי"ץ זצ"ל, האָט געענטפערט, אַז יאָ, ער וואָלט אַוודאי געגאַנגען זעהן דעם גרויסן נס וואָס האָט פּאַסירט, אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן. האָט זיין פאָטער, דער רש"ב זצ"ל, געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז יעדעס יאָר שביעי של פסח ווערן די וואַסערן פון ים געשפּאָלטן בפועל ממש... וואָס קען מען אָבער טוהן, אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט זענען בלינד און טויב...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז צוליב די פאַרטעמפּטע גשמיות'דיגע חושים, שפּירן די מענטשן ליידער נישט אַז עס געשעהן יעדעס יאָהר די זעלבע ניסים פון קריעת ים סוף, און וועגן דעם איז עס אַזאַ שווערע עבודה צו גלייבן דערין באמת. האָט דער רש"ב געזאָגט:

- אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט צו זאָגן, אַז די ניסים פון קריעת ים סוף קומען צוריק יעדעס יאָהר, און דער חסרון איז נאָר אינעם מענטש. אויב דער מענטש וואָלט זיך געהייליגט זיינע איברים און גידים ווי עס דאַרף צו זיין, וואָלט ער זוכה געווען צו זעהן די גרויסע מחזה בפועל ממש!

**אויפ'ן** פסוק (שמות יד, כא) "ויבקעו המים", זאָגן די חז"ל (שמו"ר פרשה כא, ו) אַז דער פסוק זאָגט נישט "ויבקע הים", נאָר "ויבקעו המים", צו לערנען אַז אַלע וואַסערן אין אַלע קוואַלן און גריבער אויף די וועלט זענען דעמאָלס געשפּאָלטן געוואָרן.

**פרעגט** דער בעלזער רב, הרה"ק השר שלום זי"ע, מיר ווייסן דאָך אַז "לא עביד קוב"ה ניסא למגנא" (עי' דרשות הר"ן, דרוש ח'), דער אויבערשטער מאַכט נישט קיין ניסים אומזיסט. וואָס איז געווען דער תכלית פון שפּאַלטן אַלע וואַסערן אויף דער וועלט?

**ענטפערט** דער "שר שלום", "מים" איז מרמז אויף צרות ל"ע, (ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, ב) "הושיעני אלקים, כי באו מים עד נפש") ווען דער אויבערשטער האָט געשפּאָלטן דעם ים, זענען אַלע וואַסערן, וואָס זענען מרמז אויף די צרות און פּראָבלעמען אויף דער וועלט, "געשפּאָלטן" געוואָרן, ווייל דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין טבע הבריאה, אַז אין דעם הייליגן טאָג פון שביעי של פסח זאָלן בטל ווערן אַלע צרות און יסורים אויף דער וועלט. און דאָס מיינען די חז"ל צו זאָגן אַז אַלע וואַסערן אויף די וועלט זענען דעמאָלס געשפּאָלטן געוואָרן.

**לויט** דעם פאַרענטפערט דער בעלזער רב, דאָס וואָס אין דער תורה געפינען מיר דאָס לשון "בקיעה" אויפ'ן ים, "ויבקעו המים", און אין די חז"ל ווערט דער נס אָנגערופן "קריעת" ים סוף (ברכות נח. פסחים קיח. ועוד), ווייל "בקיעה" איז שייך צו זאָגן אויף אַ גאַנצע זאַך, ווי האָלץ, "בוקע עצים" (קהלת י, ט), ווייל דאָס האָלץ איז געווען אַ "גוש", און מען האָט עס געשפּאָלטן. מה שאין כן אַ זאַך וואָס איז שוין פריהער נישט געווען אַ "גוש", ווי למשל אַ קלייד, וואָס מ'האָט עס צוזאַמענגענייט מיט פאָדים, איז שייך ביי דעם דאָס לשון "קריעה" - צורייסן.

**דערפאַר** שטייט ביים ערשטן מאָהל, אין דער תורה, "ויבקעו המים", ווייל דאָס איז געווען צום ערשטן מאָהל וואָס דער ים האָט זיך געשפּאָלטן, אָבער שפּעטער, וואָס די גמרא זאָגט "בקריעת ים סוף", ווייל נאָך קריעת ים סוף זענען שוין געבליבן חלקים פון ים וואָס זענען צוריק צוזאַמענגעשטעלט, אָבער עס איז שוין נישט איין שלימות'דיגע זאַך, דערפאַר איז שייך ביי דעם אַ לשון "קריעת" ים סוף.

### נורא תהלת עשה פלא - די גרויסקייט און סגולות פון זאָגן די שירה בשמחה

**דער** "בית אהרן" זאָגט (בסוף דבריו לפסח), "כי בשירת הים יש הכל", אין די שירת הים איז דאָ אַלעס. דאָס וואָס עס האָט שוין פּאַסירט, און דאָס וואָס ס'איז אָהנגעגרייט צו קומען. און אַלע גאולות און ישועות וואָס דער מענטש דאַרף

האָבן, אַלעס איז אַריינגערעכענט אין שירת הים.

"**ואם** יאמר האדם שירת הים בכל לב ובמסירת נפש", און אויב דער מענטש וועט זאָגן די שירה מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט מסירות נפש, יעדער מענטש לויט זיין בחינה, וועלן אַלע זיינע ענינים בגשמיות וברוחניות, פאַרראָכטן ווערן, עכל"ק.

**דער** "חרדים" (פרק עג) שרייבט, אַז פונקט ווי ביי רפואת הגוף זענען פאַראַן מעדיצינען וואָס קאָסטן אַ סאַך געלט און זענען גורם וויטאָגן פאַר דעם קראַנקן און פון די צווייטע זייט זענען דאָ ביליגע מעדיצינען און זיי היילן דעם פאַציענט אָן וויטאָגן, אַזוי איז אויך ברוחניות, עס זענען פאַראַן תיקונים פאַר די עבירות, אַזוי ווי תעניתים און סיגופים, צו פייניגן דעם גוף און איהם אויסלייטערן ער זאָל זיין ריין אַזוי ווי פריהער. אָבער פון די צווייטע זייט, זענען פאַראַן "סגולות", וואָס יעדער מענטש וואָס טוט אַזוי, איז זוכה צו כפרת עוונות.

**צווישן** די מצוות "סגוליות" וואָס דער "חרדים" רעכענט אויס (שם, ד"ה "הסגולה השלישית"), אַז זיי זענען מסוגל צו כפרת עוונות, איז צו זאָגן שירת הים מיט שמחה, אַזוי ווי מ'וואָלט יעצט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. דורך דעם איז מען זוכה צו כפרת עוונות.

**דער** "חרדים" ברענגט אַ טעם דערפאַר, ווייל אויף דעם פסוק (שמות טו, כב) "ויסע משה את ישראל מים סוף", זאָגן די חז"ל (ילק"ש רמז רנז) "שהסיעם מחטאים שלהם", משה רבינו ע"ה האָט אַוועקגעצויגן די אידישע קינדער פון זייערע עבירות, דורך די שירה, ווייל ווען דער מענטש זאָגט שירה אויף אַ נס וואָס פאַסירט מיט איהם, איז ער זוכה צו מחילה, סליחה וכפרה.

**שרייבט** דער "חרדים" ווייטער, "והנה אחר שצוונו ה' לומר שירה זו בכל יום", און נאָך דעם ווי דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו זאָגן די דאָזיגע שירה יעדן טאָג, ווי דער פסוק זאָגט "ויאמרו לאמר", אַז מ'דאַרף זאָגן די שירה אין אַלע דורות, און רבי שמעון בן יוחאי זאָגט (זח"ב נד:) אַז די כוונה דערפון איז, מ'זאָל יעדן טאָג זאָגן די שירה מיט גרויס שמחה, אַזוי ווי אין די ערשטע צייט ווען מיר האָבן עס געזאָגט, איז אַוודאי געווים אַז די שירה האָט יעדן טאָג דעם זעלבן מסוגל'דיגן כח ווי דאָס ערשטע מאָהל ווען די אידן האָבן געזאָגט שירה[לב].

---

**לב.** דער שינאָווער רב זי"ע זאָגט אויפ'ן פסוק אינמיטן די שירה (שמות טו, יא) "מי כמוכה באלים ה', מי כמוך נאדר בקודש, נורא תהילות עושה פלא". לכאורה

**אויך** דער "משנה ברורה" (סי' נ"א סקי"ז) שרייבט אין נאָמען פון זוהר הקדוש, אַז מ'דאַרף זאָגן שירת הים בשמחה[לג], עס זאָל זיך דאַכטן פאַר דעם מענטש ווי ער איז יענעם טאָג אַדורכגעגאַנגען דעם ים, "והאומרו בשמחה מוחלין לו

---

האָט דער פסוק נישט קיין שייכות מיט די פריהערדיגע, אָדער מיט די שפּעטערדיגע פסוקים אין די שירה, ווייל פריהער שטייט "צללו כעופרת במים אדירים", און דערנאָך שטייט "נטית ימינך תבלעמו ארץ", וואָס ביידע שילדערן דעם נס, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט'ן פסוק "מי כמוך", וואָס איז אַ שבח פאַר'ן באַשעפער בכלליות.

ענטפערט דער שינאָווער רב, אַז ווען די אידן זענען געשטאַנען און געזאָגט שירה פאַר'ן אויבערשטען, איז נתעורר געוואָרן אין זייער האַרץ אַ געוואַלדיגע ליבשאַפט און גלוסטונג צום אויבערשטען, און פון גרויס התלהבות, האָבן זיי זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָבן אויסגעשריגן: "מי כמוך באלים ה'"... און מיר דאַרפן זיך משתדל זיין מיר זאָלן כאָטש זוכה זיין צו אַ "נגיעה, צו אַזאַ סאָרט שירת הים.

אגב, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט אַמאָהל געשיקט איינעם פון זיינע גרויסע תלמידים, ער זאָל אַריבערפאָהרן אין אַ געוויסע שטאָט, און איבערגעגעבן אַ גרוס פאַר אַ איד מיט'ן נאָמען "רבי בערל". דער תלמיד איז אַהין געפאָהרן אין יענע שטאָט, און געזוכט אַ איד מיט אַזאַ נאָמען, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט צו זאָגן פון אַזאַ איד אין שטאָט. דער תלמיד האָט אָבער נישט אויפגעגעבן זיינע זוכענישן, און האָט ווייטער געזוכט, ביז ער האָט געהערט אַז עס איז דאָ אין שטאָט אַ מלמד מיט'ן נאָמען דוב בער (דאָס איז געווען דער שפּעטער באַרימטער מעזריטשער מגיד זי"ע) און אפשר מיינט דער הייליגער בעל שם טוב, טאקע יענעם רבי דוב בער.

דער תלמיד פונעם בעל שם טוב איז אַריבערגעגאַנגען צו רבי בער דעם מלמד, און האָט איהם געהערט לערנען מיט זיינע תלמידים. בתוך הדברים, האָט דער מעזריטשער מגיד געזאָגט אויפ'ן פסוק "מה רבו מעשיך ה', כולם בחכמה עשית, מלאה הארץ קנינך". פאַרוואָס האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט דעם פסוק, אינמיטן דעם קאַפּיטל? און ער האָט געענטפערט, אַז ווען דוד המלך ע"ה האָט אויסגערעכנט אַלע פלאים פון די בריאה, איז ער אַריין דערפון אין אַ גרויסע התלהבות, און פון גרויס דביקות און השתוקקות, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט אויסגעשריגן: "מה רבו מעשיך ה'"... און דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען צו דעם וואָס ער האָט פריהער גערעדט.

**לג.** הרה"ק מהרי"ד מבעלז זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס די פרויען האָבן נישט געזינדיגט ביים עגל, ווייל זיי האָבן געזאָגט שירת הים בתופים ובמחולות,

עוונותיו", און דער מענטש וואס זאגט די שירה פרייליכערהייט, איז מען מוחל זיינע עבירות[לד].

**שביעי** של פסח, איז דער "הויכפונקט" פון גאנצן יום טוב פסח, ווי עס שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (דף צג:) אז דער אמת איז, אז די זעקס טעג פון יום טוב זענען אן הכנה צום זיבעטן טאג, ווייל דער עיקר איז שביעי של פסח, ווען די אידן האבן געזאגט שירה, עכל"ק.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו פראווען דעם יום טוב פון זמן חרותינו אין די בחינה פון חרות ברוחניות ובגשמיות, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, און מיר זאלן זוכה זיין צו די ישועה שלימה במהרה מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות.

---

ווי דער פסוק זאגט (שמות טו, כו) "ותקח מרים אחות אהרן את התוף בידה", און דערפאר זענען זיי געראטעוועט געווארן פון חטא.

**לד.** ס'איז באקאנט אז ווען דער הייליגער רבי ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג האט געזאגט שירה, זענען זיינע תלמידים און דער ציבור מתפללים פון שטאט, געווארן אזוי דערהויבן, אז עס האט זיך זיי געדאכט ווי זי גייען ממש אריבער דעם ים. זיי האבן אויפגעהויבן זייערע קליידער, כדי זיי זאלן נישט נאס ווערן פונעם וואסער פון ים סוף...

האט געזאגט אויף דעם דער באבוב'ער רב, הרה"ק בעל "קדושת ציון" זצ"ל הי"ד, אז עס איז א גרויסער וואונדער ווי אזוי דער ציבור ביים רבי'ן ר' שמעלקא, האט אפילו געקענט טראכטן וועגן זייערע קליידער, אין א צייט ווען זיי זענען דערהויבן געווארן צו שפירן ווי זיי גייען ארום דעם ים.

בס"ד

5780

# פסח
# שמח

MAY YOU & YOUR FAMILY BE BLESSED
WITH A HEALTHY, SAFE & HAPPY PESACH!

▷ THE RAMAPOST TEAM ◁

RAMAPOST
ESTABLISHED 2009
MARKETING | DESIGN | PRINT | MAIL

info@ramapost.com | www.Ramapost.com
P: 845.369.9600 | F: 845.369.9601
382 Route 59 Suite 264, Airmont, NY 10952